STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05386

DI MILHOME IN NYU YORK

Solomon Davidman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה דאַווידמאַן

די מלחמה אין ניו יאָרק

דערציילונג

אַרויסגעגעבן פון

דיסטריקט קולטור קאָמיטעט

ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

דעטרויט, מישיגען

די מלחמה אין ניו יאָרק

איך בין אַלט פערצן יאָר. מיין נאָמען איז מירל. און איך בין שוין אַ גרויסער מענטש. פון וואַנען ווייס איך? מיין טאַטע אַליין האָט דאָס מיר געזאָגט.

געווען איז דאָס מיטוואָך.

מיין טאַטע איז געקומען אַהיים אַ פאַרענדערטער. זיין פנים איז געווען בלאַס ווי ביי אַ טויטן. זיין רעכטע האַנט איז געהאַנגען אויף אַ ווייסן טוך, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אַרום זיין האַלז. זיינע פיס האָבן געציטערט, זיין קאַפּעליוש — צעקנייטשט. אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ פאַר־וואונדעטער סאָלדאַט, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון אַ שלאַכטפעלד.

פריער האָט זיך מיין פּאַפּאַ אַוועקגעזעצט. איך האָב דערלאַנגט עסן. עס איז אים געווען שווער צו טראָגן דעם לעפל זופּ מיט דער לינקער האַנט אין מויל אַריין. איך האָב אים געהאָלפן. מיר האָט אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז איך האָב זיך געוואָלט צעוויינען.

מיין גוטער פאָטער האָט עס פאַרשטאַנען. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל, מיר אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ און דערציילט:

„מיין באַלעבאָס איז היינט געווען זייער שלעכט. ער האָט געשריגן, אַז מ'אַרבעט ניט שנעל. איך האָב געהאַט אַ גרויסן קאָפּ־ווייטאָג און צוזאַמען מיט די הייזן, וואָס האָבן זיך שנעל געשטעפּט, געפלויגן אונטער דער נאָדל פון מאַשין, זיינען אויך אַרונטער מיינע פינגער"...

צוויי טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון מיין פּאַפּאַ'ס אויגן. האָבן זיך פון מיינע אויגן אַ לאָז געטאָן טרערן אָן אַ צאָל.

איר ווייסט פאַרוואָס איך האָב אַזוי געוויינט? ווייל קיין מאַמען האָב איך ניט. מיין שוועסטער און מיינע צוויי ברידער האָבן שוין חתונה געהאַט. און זיי דאַרפן זאָרגן פאַר זייערע הייזער און קינדער. און אַז מיין פּאַפּאַ קען ניט אַרבעטן, ווער זשע וועט מיר אַלעס געבן? און ווער וועט מיין קראַנקן פאָטער אַלץ דערלאַנגען?

מיין פּאַפּאַ איז קראַנק, זיין האַנט היינגט אויף אַ טוך, ווי ביי אַ בעט־לער. איך בין נאָך אַ קינד. איך בין אינגאַנצן אַלט פערצן יאָר. איך דאַרף זיך נאָך לערנען.

נאָר אין עטלעכע טעג אַרום פון יענעם מיטוואָך האָט מיך מיין פּאַפּאַ צוגערופן און מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך און צו מיר אַזוי געזאָגט:

„מיין טייער קינד, מירעלע, איך קען דערווייל ניט ארבעטן, ביז מיין האנט וועט זיך אויסהיילן און אזוי ווי דו ביסט שוין א ג ר ו י ס ע ר מ ע נ ט ש, וועסטו גיין פארדינען אויף ברויט פאר מיר און פאר דיר".

אין הארצן האב איך שוין לאנג געוואלט ווערן א ג ר ו י ס ע. עס פלעגט מיר פארדריסן, ווען מען פלעגט מיר רופן ק י נ ד. נאר מיין פאפא'ן האב איך מוחל געווען. ער איז דאך מיין פאפא, און איך בין דאך זיין קינד. און אמאל פלעגט פאפא מיך רופן טאכטער מיינע. דער נאמען איז מיר זייער געפעלן.

אבער וואס קען איך טאן? ווי אזוי קען איך פארדינען פאר מיר און פאר מיין פאפא'ן?

איז זונטאג, ווען אלע מיינע אייגענע זיינען געזעסן ביי מיין ברודער אין הויז האט מיין פאפא מיר איבערגעגעבן מיט פרייד:

„מיין גרויסע טאכטער, מירעלע, מען האט שוין פאר דיר א דזשאב אין ניו יארק. משה (מיין ברודער) וועט דיך דאס ערשטע מאל אהין אפפירן".

איך האב זיך אויך דערפרייט: ניו יארק, ארבעט. אבער וואס קומט דארטן פאר?

איז דארט א מלחמה, א שטענדיגע, וואו טאטעס פארלירן זייערע פינגער?

דער וועג

דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבן שטיי איך אויף אזוי פרי. דער פאפא האט מורא איך זאל ניט פארשפעטיגן די באן, וואס לויפט קיין ניו יארק. און איך האב אויך מורא. טו איך זיך אן שנעל, כאפ א גלעזל מילך און לויף. ביי דער סטאנציע שטייען שוין א סך מענטשן. ס'איז א גרויסער טומל. מענער רויכערן און שמועסן. מיידלעך לאכן. אלע מאל כאפן די מענטשן א קוק צי קומט ניט אן די באן. מ'ווארט מיט אומגעדולד.

משה האט מיך געהאלטן לעבן זיך. געהיט האט ער מיך, ווי מען היט א קינד. גערעדט האט ער צו מיר, ווי מען רעדט צו א מענטשן: „מירל, דארפסט יעדן זאגן, אז דו ביזט אלט 16 יאר, אז ניט, וועט מען דיך ניט לאזן ארבעטן".

„איך ווייס שוין דאס", פארזיכער איך משה'ן. און ער איז שטארק צופרידן, וואס איך פארשטיי שוין זאכן, ווי א גרויסער מענטש.

די באן איז אנגעפלויגן. זי האט געאטעמט שווער, ווי א מידע חיה, וואס רוט זיך אפ פון לאנגן געיעג. א גרויסער גלאק האט זיך געהוידעט אויפ'ן לאקאמאטיוו און אנגעזאגט מיט זיין קלינגעריי, אז ער לויפט באלד אוועק קיין ניו יארק. די מענטשן האבן זיך געשטופט. איינער איז געלאפן אויפ'ן צווייטן. מען האט ניט געקוקט אויף קיין פרויען אדער עלטערע, ווי די וועלט פירט זיך, ווי ס'האבן מיך געלערנט מיינע לערערס אין פאבליק־סקול.

איצט האב איך מיך דערמאנט אן די ווערטער פון מיין לערער פון דער אידישער ארבעטער שול: „די נויט ברעכט אייזן". די מענטשן שטופן זיך ווייל זיי האבן מורא צו פארשפעטיגן צו דער ארבעט. און אז מען פארשפעטיגט צו דער ארבעט, פארלירט מען דעם דזשאב.

אין וואגאן האבן אלע געקוקט אויף מיר. האב איך ניט געקענט לײדן, וואס אזוי פיל אויגן קוקן אויף מיר. ווייזט אויס, אז איך בין רויט געווארן, ווייל איך האב געפילט א היץ אין מיין פנים. פארוואס זיי האבן געקוקט

אויף מיר, ווייס איך ניט. אפשר האָבן זיי געוואוסט, אַז איך בין אַלט פערצן יאָר און פאַר אַפּנאַרן ניו יאָרק אויף צוויי יאָר.

מיין ברודער משה האָט געלייענט אַ צייטונג און זיך אפילו אויף מיר ניט אומגעקוקט, גלייך ווי מיר קערן זיך ניט אָן. איך בין געזעסן ביים פענס־טער און געקוקט ווי די גאַסן אַנטלויפן. אָט איז שוין אויס פּאַסייק. אָט לויפן פעלדער. די באַן שטעלט זיך אָפּ ביי רוטערפאָרד, נעמט אָן נאָך מענטשן און לויפט ווייטער.

די באַן איז געלאָפן זייער שנעל. דער וועג איז ניט קיין ווייטער, נאָר ביי מיר האָט עס געדויערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אפשר דערפאַר, וואָס איך בין נאָך קיינמאָל ניט געפאָרן צו דער אַרבעט קיין ניו יאָרק?

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעשריגן: „דזשוירזי סיטי". אַלע מענטשן האָבן זיך אַ הויב געטאָן. די באַן האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט, נאָר אַלע זיינען שוין געווען גרייט אַרויסצושפּרינגען דורך טירן און פענסטער.

„משה, וואָס זיינען די מענטשן אַזוי אומגעדולדיג?", פרעג איך מיין ברודער.

„ביזט נאָך אַ קינד. וועסט עטלעכע מאָל פאָרן קיין ניו יאָרק צו דער אַרבעט, וועסטו פאַרשטיין". און מיט די ווערטער האָט ער מיך אָנגענומען און אַרויסגעפירט פון וואַגאָן.

אויף אירי וואָקזאַל זיינען די מענטשן געלאָפן איינער איבער'ן אַנדערן, ווי סאָלדאַטן אין אַן אַנגריף. מענער און פרויען, וואָס האָבן געטראָגן שטעקעלעך, שירמס, האָבן זיי געהאַלטן אין דער ברייט אַזוי, ווי מען האַלט ביקסען און מען לויפט געגן שונא.

מען לויפט צו דער עלעקטרישער פערי, וואָס פירט אַריבער דעם האָדסאָן קיין ניו יאָרק.

די פערי

די שיף איז אָנגעפּאַקט מיט מענטשן: אידן, איטאַליענער, דייטשן, איירישע און אַנדערע. מען רעדט, מען מאַכט זיך לוסטיג. מען קייעט, מען רויכערט, מען לייענט צייטונגען.

איינגלעך שטופּן זיך אַרום. קליינע איינגלעך אין מיינע יאָרן, דרייצן־פערצן יאָר אַלט. זיי טראָגן שוואַרצע העמדלעך, שוואַרצע היטלען. זייערע פּנים'ער און די הענט זיינען זייער שמוציג. אונטער די אָרעמס טראָגן זיי קישעלעך. אין די הענט — קעסטעלעך מיט שו־וואַקס, בערשטלעך און שמאַטעס. „שאַין, שאַין", רופן זיי. און אַז איינער גיט אַ רופנדיגן וואונק, גיבן זיי אַ וואָרף דאָס קישעלע אויפ'ן דיל, אַליין גיבן זיי זיך אַ שליידער, קניען פאַר די מענטשן, שפּייען אין שו־וואַקס, שמירן מיט די פינגער יענעמס שיך, וואַרפן מיט די הענט אויף גיך, די בערשטלעך זאָלן שנעלער פּוצן. דער גאַנצער קערפּער זייערער ציטערט, וואַרפט זיך, ווי זיי זאָלן אויסטאַנצן אַ זיצנדיגע „שימי".

„פאַרוואָס דאַרפן אַזעלכע קינדער שוין אַרבעטן, משה?" — פרעג איך מיין ברודער.

„וועלכע קינדער?" — כאַפּט ער זיך אויף פון דער צייטונג.

„אָט די איטאַליענישע, אידישע שיך־פּוצערס".

„כ'ווייס, מסתמא דאַרפן זיי".—און ער האָט זיך צוריק פאַרטיפט אין דער צייטונג.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינע לערערס. מיין פּאָבליק סקול לערער האָט געזאָגט:

„אין אַמעריקע לעבן די קינדער בעסער ,ווי אויף דער גאַנצער וועלט".

מיין לערער פון דער אידישער אַרבעטער קינדער שול האָט ־ערציילט:

„אין אַמעריקע נוצן די קאַפּיטאַליסטן אויס אפילו קליינע קינדער צו דער אַרבעט. בלויז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לאָזט מען ניט עקספּלואַטירן קיין קינדער".

ווייזט אויס, אַז דער לערער פון דער אַרבעטער שול האָט דעם אמת געזאָגט.

איך האָב געקוקט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן האָדסאָן. ווי ברייט דער טייך איז, אין דער לענג זעט זיך קיין ברעג ניט. שיפן שווימען אַרום, אַלערליי שיפן, גרויסע און קליינע, זיי שלעפּן ציגל, וואַגאָנעס, ברעטער, קוילן, זעק מיט פּרוכטן. דאָס שלעפּט מען אַלץ פאַר ניו יאָרק. ניו יאָרק איז די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט. עס לעבן דאָרטן זעקס מיליאָן מענטשן און אפשר נאָך מער. ברייננגט מען פאַר זיי שפּייז, קוילן, מאַטעריאַלן פון אַ סך שטעט און שטעטלעך.

ניו־יאָרקער פענסטער קוקן אַהער. אַזוי פיל פענסטער, ווי טויזנטער גלעזערנע אויגן. מויערן, אַזוי פיל הויכע הייזער שטייען אויפ'ן ברעג פון האָדסאָן ווי פעסטונגען קוקן זיי אויס, גלייך ווי ניו יאָרק זאָל מורא האָבן פאַר אַ שונא, וואָס וועט זי קומען באַשיסן.

און אָט רוקט זיך שוין צו אונזער פערי צום ניו־יאָרקער ברעג. דער האַ־ פען הייסט א י ר י. די הילצערנע געביידע, און די צוויי הילצערנע ווענט, וואָס הוידלען זיך אויפ'ן וואַסער, ווען די שיף שטופּט זיך אַריין, זיינען אויסגעבויט פון דער „אירי" באַן־ליניע קאָ., דאָס האָט מיר מיין ברודער משה דערקלערט.

די מענטשן איילן זיך שוין ווידער. מען לויפט און מען שטויסט זיך וואָס נענטער צו די אייזערנע געפלאָכטענע טירעלעך וואָס זיינען ביים ברעג פון שיף.

צוויי עלטערע מאַטראָסן שטייען פון פאָרנט, זיי זיינען גרייט צו עפע־ נען די טויערלעך. אויף דער הילצערנער פלאַטפאָרמע פון האַפן שטייען אויך צוויי מאַטראָסן. זיי דרייען ביי די ענטלעך פון אַן אייזערנער קיי־ לעכדיגער ראָד, וואָס קוקט אויס ווי צענויפגעבונדענע ביקסן אין אַ קיילך מיט די שפּיצן אַרויס. ווען זיי דרייען די ראָד, הערן זיך קלאַנגען, ווי פון גלעקער. צוויי גראָבע שטריק ווערן לויז מיט צוויי הוקן, גאָר גרויסע, וואָס פאַרטשעפּען די שיף, זי זאָל זיך האַלטן. דעמאָלט גיבן די צוויי מאַטראָסן אויף דער שיף אַ צעהויב די טויערלעך און ביידע זייטן, ווערן זיי צענויפ־ געדריקט און שטעלן זיך אויף, ווי הויכע צוויי שטעקנס, אייזערנע שטעקנס.

מיט אַמאָל האָבן זיך די מענטשן אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ, ווי אין אַטאַקע. מיין ברודער משה כאַפּט מיין האַנט און שלעפּט מיך.

מיר לויפן כאַפּן דעם סאָבוויי.

אין קעלער

מיר זיינען געלאָפן, ווי פון אַ פייער. געיאָגט האָבן זיך אַלטע און יונ־ גע פון פאַרשיידענע הויט־קאָלירן. מיטאַמאָל האָט מיך מיין ברודער משה פאַרקירעוועט און געשלעפּט אין אַ קעלער אַריין.

„וואוהין שלעפּסטו מיך?", פרעג איך מיין ברודער.

„וועסט שוין זען״, ענטפערט ער שנעל.

ווען מיר זיינען אראפ די טרעפ איז מיטאמאל געווארן נאכט. דער גרויסער קעלער איז א באן־סטאנציע. עלעקטרישע לעמפּעלעך לייכטן פון סטעליע. אייזערנע סלופּעס שטייען פעסט. דער דיל איז א שטיינערנער. און ווען מען גייט אויף אים קלינגט ער אפּ דעם טראט.

אינמיטן שטייען אייזערנע קעסטלעך, ווי וואבליוט אויף א גרעניץ. אויף יעדן קעסטל איז אויסגעמאלן א הענטל און ס׳איז אויפגעשריבן: „ווארף אריין פינף סענט״. פאראן דארט א שפּאלט, וואס ווערט באלויכטן פון אן עלעקטריש לעמפּעלע, וואס שטייט באהאלטן אונטער א דעכעלע, ווי א יארמולקעלע, א לאקשנטעפּל און היט. מען זאל ניט אפּנארן. אז מען ווארפט אריין אהין א ניקל, ווערן פריי די פיר הילצערנע רעדלעך, וואס זיינען צענויפגעקלעפּט, ווי א ליגנדיגער צלם, גיט מען זיי א שפּאר און מען גייט דורך.

ביים ברעג פּלאטפארם שטייען טויזנטער מענטשן. מען ווארט מיט אומגעדולד אויף א באן, זיי שטייען אזוי נאענט צום ברעג, אז איך ציטער אימיצער זאל ניט אראפּפאלן און צעקוועטשט ווערן פון א באן, וואס וועט באלד אנלויפן.

שטאל־אייזערנע ליניעס ליגן נייע, ווי פון זילבער געמאכטע. פון מיין זייט און פון דער צווייטער אויף יענער זייט, דערציילט מיר מיין ברו־דער משה, פארן מענטשן קיין ברוקלין, מיר פארן קיין מאנהעטן.

אלע מאל קומען אן נייע מענטשן. עס ווערט ענג. אייניגע מענער רויכערן. זייער א סך קייען גאם. מען האלט ציימונגען. פאראן א סך מענ־טשען, וואס קענען זיך. ווייל מען באגריסט זיך אזוי שמייכלענדיג. כ׳הער פון זייער געשפּרעך, אז זיי זעען זיך אלע אינדערפרי און פארנאכט, ווען זיי פארן צו און פון דער ארבעט. וואס־זשע איז אזא פרייד, אויב מען זעט זיך יעדן טאג? און אפשר פרייען זיי זיך דערפאר, וואס זיי זיינען ניט אראפּגעפאלן אויף די רעלסן אונטער דער סאבוויי? ווייל אין די פּאסייקער ציימונגען האב איך געלייענט וועגן די באן־אומגליקן אין ניו־יארק.

איך וויל שוין ניט שטעלן מער קיין פראגן מיין ברודער משה. ער זאגט, אז איך פרעג צופיל. נו, וועל איך אליין אויסגעפינען.

אין די טיפענישן פון די סאבוויי־וועגן ברענען לעמפּעלעך פון אלער־ליי קאלירן. איך שטעל מיר פאר, אז די גרינע לעמפּעלעך מיינען, אז מ׳קען פארן. די רויטע — אז דער וועג איז פארשטעלט. ווייל ביי אונז זיין פּא־סייק לויפן דאך אויך דורך באנען. און אויפ׳ן מיטן פון די ראשיגע גאסן שטייען אזעלכע שטיבלעך מיט לאמטערנעס פון אויבן, וואס האבן פיר שייבלעך, צוויי רויטע און צוויי גרינע. ווען עס ברענען די גרינע—כיעג מען פארן; ווען עס ברענען די רויטע—מוז מען זיך אפּשטעלן.

נאר דא, אין דעם עלעקטריש־באלויכטענעם קעלער, אין די טיפענישן פון די סאבוויי־וועגן, ברענען אויך לעמפּעלעך פון לימענע, מאראנצענע און אנדערע קאלירן.

עס לויפן פארשיידענע באנען. א סך ניו־יארקער מענטשן קענען ניט לייענען, און א סך מענטשן האבן ניט קיין צייט ניט צו לייענען, ווייסן זיי שוין לויטן קאליר, ווען זייער ריכטיגע באן קומט אן,—אזוי דערקלערט מיר מיין ברודער משה.

און מער, זאגט ער, וועט ער ניט ענטפערן. איך שטעל אים צו פיל פראגן.

דוכט זיך מיר, אז אלע מענטשן, וואס פארן קיין ניו יארק, ווערן שלעכט

און שטרענגע אפילו צו אייגענע שוועסטער. גלייך ווי אימיצער זאָל זיי דיסציפּלינירן ווי סאָלדאַטן ; גלייך ווי אימיצער זאָל זיי אויסלערנען לויפן און יאָגן, ווי סאָלדאַטן אויף מלחמה.

דער סאָבוויי

די באַן האָט אָנגעיאָגט שנעל, ווי אַן אָדלער. זי האָט געסאָפּעט שווער, געקלאַפּט, אַרויסגעלאָזט אַ פּייף, נאָר קיין רויך לאָזט זי ניט אַרויס. זי גייט אויף עלעקטריע.

ווי די טירן האָבן זיך נאָר געעפנט, האָבן זיך די מענטשן געגעבן אַ שטויס, ניט געלאָזט אַפילו אַרויסגיין די אינעווייניגסטע. געשפּרונגען איינער איבער'ן צווייטן, ווי ווילדע פערד אין דער וועסט.

איך האָב ניט געקענט אַריין. מען האָט מיך אַריינגעשטופּט. ווען די טירן האָבן זיך צוגעמאַכט, איז געוואָרן שרעקלעך ענג. איך בין געווען צוגעשפּאַרט צו אימיצנס אַ זייט. אויף מיינע פּלייצעס איז ווער געלעגן שווער, ווי אַ זאַק מעל. אין איין האַנט האָב איך געהאַלטן מיין בייטל. נאָר די צווייטע, די לינקע, האָט ערגעץ געשטעקט צווישן צוויי מענטשן. איך האָב זי געפּרוּווט אַרויסשלעפּן, אָבער כ'האָב ניט געקענט. מיין ברודער משה איז געשטאַנען צוגעדריקט צו דער וואַנט אַזוי שטאַרק, ווי מ'דריקט צו איינעם, וואָס מ'וויל וואַרגן.

ווען דער סאָבוויי האָט אָנגעהויבן לויפן, זייער שנעל לויפט די באַן, האָבן זיך די מענטשן אָנגעהויבן טרייסלען. און כאָטש מיר זיינען געשטאַנען אין קאָרידאָרל פון וואַגאָן אַזוי געדיכט צונויפגעשטיקט, ווי אַ קופּע, אַ צענויפגעוואָרפענע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט העכערע און נידעריגערע מענטשלעכע קעפּ, דאָך האָט עס מיט אונז אַזוי געוואָרפן, געטרייסלט, גלייך ווי איר זאָלט ניט שטיין אויף אַ דיל, נאָר גיין מיט שפּיץ פינגער אויף אַ שטריק.

פון ביידע זייטן האָבן מיר מיינע שכנים, זייער נאָענטע שכנים, אַזוי שטאַרק געקלאַפּט מיט זייערע קערפּערס, אַז איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן אַרויסטרייסלען פון מיר די נשמה. זיי האָבן מיך געשליידערט, ווי מען שליידערט אַ פילקע.

ביי דער גרעסטער סטאַנציע, ווען אַ טייל מענטשן האָבן אָפּגעשטיינט, האָב איך זיך אַריינגעדרייט און פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ. מיין ברודער משה האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר און זיך אָנגעהאַלטן אין אַ רימענדן הענטל, וואָס הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע.

אַ סך מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענטלעך. ס'האָט אויסגעקוקט ווי הענט הענגען אויף תליות און אויגן קוקן צו און שווייגן.

— ס'איז אַלע טאָג אַזוי ? מ'האָט דאָך מיר שיר ניט צעקוועטשט, — פרעג איך מיין ברודער משה.

— יאָ, — ענטפערט ער מיט אַ שמייכל, — ווען מען פאָרט פון און צו דער אַרבעט. אָבער דו וועסט זיך צוגעוואוינען.

פאַרשטיי איך ניט ווי אַזוי מענטשן קענען זיך צוגעוואוינען צו פאָרן אין אַזאַ ענגשאַפט.

— פאַרוואָס בויט מען ניט אויס קיין נייע סאָבווייס, ס'זאָל ניט זיין אַזוי ענג ?—פרעג איך.

— איך ווייס, מסתמא דאַרף אַזוי זיין, — ענטפערט מיין ברודער.

דערװײַל האָט די באַן געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל. האָט אימיצער גע־געבן אַ שטויס מײַן ברודער. האָט ער מיר געגעבן אַזאַ קנאַק מיט זײַן פּוס אין מײַן רעכטער קני, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער נעמט זי מיר אַראָפּ. „אוי!״—האָב איך אַרויסגעלאָזט פון װייטאָג. אַ סך מענטשן האָבן זיך צעלאַכט. מײַן ברודער האָט זיך אויך צעשמייכלט.

— אָט אַזוי פאָרט מען אין ניו יאָרק, אין סאָבוויים. נאָך צוויי סטאַנ־ציעס און מיר גייען אַראָפּ. — דערקלערט משה.

און מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז ניט קיין באַן פאַר פּאַסאַזשירן, קיין סאָבוויי, נאָר אַ מין גיהנם־וואָגן, וואָס דאַרף אויסטרייסלען די קישקעס און צעקוועטשן די ביינער פון די מענטשן פון ניו יאָרק.

אין די גאַסן

„טיימס סקווער״. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן גייען אַרויס פון סאָבוויי. איך און מײַן ברודער משה גייען אויך אַרויס. אויף דער פּלאַטפאָרמע זײַ־נען געווען אַזוי פיל מענטשן. אַלע צענויפגעשטיקט. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז איך טרעט אויף אימיצן און אימיצער שפּאַנט אויף מיר, ווײַל אַלעמאָל האָב איך געכאַפּט אַ קלאַפּ. און איך האָב זיך אַזוי געהיט קיינעם ניט אָנצורירן. דאָך האָב איך אַ פּאָר מענטשן אויך אומגערן געשטויסן. אַז ס׳איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ, ווי מען לויפט זיך צענויף, אַז עס ברענט אוים אַ פײַער, אַן אומגליק.

קוים אַרויס אַ לעבעדיגע אויף דער גאַס, די ליכטיגקייט האָט מיך דער־מאָנט אין טאָג, ווײַל אין דער אונטערערדישער באַן איז שטענדיג נאַכט. איך האָב אָפּגעאָטעמט און געמיינט, אַז דאָ אויף די גאַסן פון ניו יאָרק, וועל איך שוין רואיג צוגיין צום שאַפּ. אָבער כ׳האָב געהאַט אַ גרויסן טעות.

אויף ביידע זײַטן טראָטואַרן האָט זיך געטראָגן, געשוועבט, אַ וואַלד מיט מענטשן, טאַקע ווי בוימער אין אַ געדיכטן וואַלד. צווייג אין צווייג גע־פלאָכטן, האָבן זיך די מענטשן קופּעסווייז געיאָגט, און יעדער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זײַן דער ערשטער און דער איינציגער אויפן׳ טראָטואַר, ווײַל מען איז געגאַנגען זייער שנעל און פעסט, און אַז איך האָב געכאַפּט אַ שטויס, אַ שטורכע פון אימיצנס אַ צעפּאָכעטן עלנבויגן, האָב איך עס שטאַרק געפילט.

אין מיטן די גאַסן און עוועניוס זײַנען געלאָפן מאַשינען און טראַמ־וויים. זיי האָבן געקלאַפּט און געבלאָזן, געפּייפט און געקלונגען, אַז מען האָט נאָר געקענט פאַרטויבט ווערן.

אויף אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבן שטיין אויף אַ ברעג פון אַ טראָ־טואַר. מען האָט געדאַרפט וואַרטן ביז מען וועט אָפּשטעלן דעם פאַרקער, אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זײַט. האָב איך זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער און בין דערציטערט געוואָרן פון בילד: אַ ים, אַן אָקעאַן. ניט קיין שטאָט, ניט קיין גאַסן. כוואַליעס, שטורמדיגע כוואַליעס מענטשן רוי־שען און זידן. מאַשינען און טראַמוויים, ווי הייזער־שיפן, שווימען אַרום. נאָר דער גרויסער ים איז אַרומגעצוימט מיט גרויסע מויערן, וואָס פאַר־שטעלט די זון, דעם הימל.

האָב איך געטראַכט: ווי קענען דאָס מענטשן לעבן דאָ? מען קען דאָך דער׳הרג׳עט, צעקוועטשט, דערטרונקען ווערן יעדע מינוט.

„איז שטענדיג אַזוי?״ — פרעג איך מײַן ברודער משה.

„ניין — ענטפערט ער — נאָר ווען מען גייט צו און פון דער אַרבעט".

„קען מען דאָך פאַרשפּרייטן די שעפער איבער דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק. צו וואָס האָט מען זי אַזוי פיל אַרום דעם טיימס סקווער?"

„ביזט נאָך אַ קינד. ווערסט אַרבעטן אַ לענגערע צייט אין ניו יאָרק, וועסט שוין אַליין פאַרשטיין".

און איך גלויב מיין ברודער משה'ן אַלץ, וואָס ער זאָגט. ווייל איך פאַר דאָך דאָס ערשטע מאָל קיין ניו יאָרק אַרבעטן.

האָבן מיר זיך געשטופּט און געשטופּט דורך די געדיכטע גאַסן, ביז מיין ברודער האָט מיך אָפּגעשטעלט:

„דאָ איז דיין שאַפּ".

איך האָב זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט אויף די גאַסן און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַ שלאַכטפעלד. יעדער—אַ סאָלדאַט. מען יאָגט זיך איינער נאָכ'ן צווייטן. מען אַטאַקירט זיך מיט פויסטן און עלנבויגנס — גלייך ווי אַלע אַרבעטער אין ניו יאָרק זיינען זיך שונאים איינס דעם צווייטן אויף לעבן און טויט.

אין שאַפּ

מען האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ קליין צימערל, ווי הערינג אין אַ פעסל. אַ נעגער האָט פאַרמאַכט דאָס טירל און געגעבן אַ דריי מיט אַ קאַרבעלע, האָט זיך דאָס צימערל מיט אונז, געפּאַקט מיט אַרבעטער, גענומען אַזאַ שנעלן הויב, אַז ס'האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. דער נעגער האָט ווידער אַ דריי געטאָן מיט'ן קאַרבעלע און דאָס צימערל האָט זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ אַזוי האַסטיג, אַז איך האָב געמיינט, אַז מיר זיינען אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויף דער ערד.

ער האָט געעפנט דאָס טירל און מיר האָבן זיך אַרויסגערוקט. מיר זיינען עפּעס פון דעם טירל ווי אַרויסגעפאַלן, ווי אַ גרויס מויל זאָל אונז אַרויסשפּייען.

דער פערצנטער שטאָק.

אין שאַפּ איז געווען שטיל. אַרבעטער זיינען שוין געשטאַנען אויסגעטאָן די רעקלעך, מיידלעך מיט פאַרטוכער, גרייט צו דער אַרבעט. אַ לאַנגע ריי ניי־מאַשינען. אין דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען טישן. גרויסע פּרעס־אייזנס לעבן זיי. יעדער אייזן קוקט אויס אַזוי גרויס, אַז ער דאַרף מסתמא וועגן אַ פּוד אודאי. עס מוז זיין זייער שווער צו פּרעסן מיט זיי. ביי אַ טיש, אויף וועלכן עס ליגן קנעפּ, קנעפּלעך, נאָדלען, פּאָדים, קלעצלעך מאַקרא, זיצן שוין אַ פּאָר מיידלעך. זיי שושקען זיך. איינע פאַריכט זיך די האָר.

עס באַווייזט זיך אַ מאַן. אַ פעטער און אַ נידעריגער. קוקט אויס פון עטלעכע און פערציג יאָר. ער גייט צו אונז מיט אַ שמייכל. ווען ער גייט, הוידלט ער זיך, קייקט זיך, ווי אַ פעסל.

ער גריסט זיך מיט מיין ברודער.

— דאָס איז דיין שוועסטערל, משה?—קוקט ער אויף מיר.

— מר. וויס, זעט מען זאָל זי באַהאַנדלען פיין, — זאָגט מיין ברודער אַרויס מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער גיט מיך איבער ערגעץ ניט צווישן מענטשען, וואָס קענען מיר שלעכטס טאָן.

— ניט געזאָרגט, משה, — באַגלייט ער מיין ברודער.

ווי רופט מען דיך? — פרעגט ער מיך, אַרויפלייגנדיג זיין האַנט אויף מיין אַקסל.

— מירל.

האָט ער זיך געווענדט צו אַ מיידל — דו וועסט איר ווייזן ווי אַזוי מען נייט

האָט ער זיך געווענדט צו אַ מיידל — דו וועסט איר ווייזן וו יאַזוי מען נייט איין קנעפּלעך, — און ער האָט זיך אָוועקגעקייקלט.

מיטאַמאָל האָט עס אָנגעהויבן צו הודען און קלאַפּן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַנען לויפן אַרום דעם גרויסן צימער, וואָס מ'רופט שאַפּ. די פּאַסן האָבן זיך געדרייט, די מאַשינען זיינען געלאָפּן. ביי יעדער מאַשין איז געזעסן אַ מאַן. זיין קאָפּ איינגעבויגן, ווי צוגעקלאַפּט צום קעפּל פון נייי־מאַשין. די גרויסע פּרעס־אייזנס האָבן אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אויף די הויכע טישן. הענט, לאַנגע האַריגע הענט, האָבן זיי געפירט. די מענטשן זיינען אַלע שטיל. סיי די שטייענדיגע פּרעסערס, סיי די זיצנדיגע שטעפּערס, סיי די מיידלעך, וואָס פירן אַזוי שנעל די נאָדלען מיט די פאָדימס, אַזוי ווי שלענגלעך, ווייסע און שוואַרצע און רויטע שלענגלעך זאָלן זיך ציען איבער די קליידער; אַלע, אַלע זיינען אַזוי שטיל, ווי פאַרטיפט אין אַ הייליגער, שטיל־שווייגנדיגער תפילה, אַ געבעט אַזאַ, אין וועלכן מען טאָר ניט אויסרעדן.

און אפשר הערט מען ניט דערפאַר קיין וואָרט, ווייל די מאַשינען קלאַפּען אַזוי שטאַרק?

סיידי האָט מיר געוויזן ווי אַזוי אַריינצוציען אַ קנעפּל. די אַרבעט האָב איך זיך באַלד אויסגעלערנט.

„מירל, דו דאַרפסט אַרבעטן אביסל שנעלער“, האָט מיר סיידי אַריינגערוימט אין אויער.

איך האָב געאַרבעט שנעל מיט מיינע הענט.

כ'האָב דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטאָג אין קאָפּ, ווי אימיצער זאָל קלאַפּען אין אים מיט אַ האַמער. אין די זייטן האָב איך געפילט אַ מין שטעכעניש. צי עס זאָל זיין פון די שטורכעס און שטויסן, וואָס איך האָב געקראָגן אויף דעם לאַנגן און ענגן וועג פון פּאַסייק קיין ניו יאָרק צום שאַפּ. צי דערפאַר, וואָס איך בין נאָך קיינמאָל ניט געזעסן אין אַ שאַפּ און געאַרבעט אַזוי שנעל. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע מיינע גלידער זיינען עפּעס צעדרייט, צעשרויפט.

איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. מיין פּאַפּאַ איז קראַנק. מוז איך אַרבעטן אין שאַפּ.

אין אויטאָמאַט

צוועלף אַזייגער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן אין שאַפּ. אַלע מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מ'האָט אָוועקגעלייגט די אַרבעט. די אַרבעטער האָבן זיך אויף גיך אָנגעטאָן און מען איז געלאָפן עסן.

— וואו עסטו, מירל? —האָט מיך סיידי געפרעגט.

— איך ווייס ניט, סיידי, איך וועל גיין מיט אייך עסן,—האָב איך געענטפערט.

— גוט. מיר'ן עסן אין אויטאָמאַט,—האָט מיך סיידי געשלעפּט.

אין דרויסן האָט געזשומעט מיט מענטשן, ווי אין אַ בינשטאָק מיט

בינען. איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן באַטראַכטן, נאָר סיידי האָט מיך ניט געלאָזט.

— נישטאָ קיין צייט, מירל, מיר וועלן ניט האָבן קיין פּלאַץ אין רעס־טאָראַן צו עסן.

זי האָט מיך אַראָפּגעשלעפּט אין אַ גרויסן ליכטיגן קעלער. ווייסע טיש־לעך זיינען געשטאַנען אַזוי פיל. אַרום די טישן איז מען געזעסן און געשטאַ־נען איינס לעבן אַנדערן און געגעסן, אײנמיטן, צווישן די דורכגאַנגען, האָבן זיך מענטשן געשטופּט מיט טאַצן עסנוואַרג אין די הענט. ס'האָט ווער אײ־מיצן דערלאַנגט ניט־אומיסטן אַ שטורך מיט'ן עלנבויגן, האָט זיך איבערגע־קערט אַ טאַץ. צוויי טעלערלעך זיינען אַראָפּגעפאַלן מיט אַ ליאַרם, ווי זיי זאָלן זיין זייער בייז, האָבן זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך. די שטיקלעך האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן, אַ לעפעלע, אַ גאָפּל און אַ מעסער האָבן זיך צע־קלונגען אויפ'ן דיל. דאָס טעפּל קאַווע האָט זיך צעגאָסן. דער מאַן, וואָס איז געבליבן שטיין מיט'ן ליידיגן טאַץ, איז געוואָרן זייער בייז. נאָר ער האָט זיך קאָנטראָלירט. דער צווייטער, וואָס האָט אים אונטערגעשלאָגן, האָט זיך אַנטשולדיגט. אייניגע האָבן געלאַכט און געשמייכלט.

מען האָט געזוכט פּלעצער, אָבער אַלע זיינען געווען פאַרנומען.

— ס'איז שטענדיג דאָ אַזוי ענג?—פרעג איך.

— בלויז די מיטאָג־שטונדע. האָסט ניקלס, מירל?—פרעגט מיך סיידי. און איך זע ווי זי לייגט אַוועק אַ האַלבן דאָלאַר און דער קאַסיר וואַרפט אַרויס צען פּינפּסענטיגע. טו איך אויך אַזוי.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס?—פרעג איך סיידי'ן. לאַכט זי: —וועסט שוין זען. קום. — און זי פירט מיך צו צו אַ וואַנט מיט קעסטעלעך, ווי ס'זאָל זיין עפּעס אַן אויסשטעלונג. אין יעדער פאַרשלאָסן קעסטעלע ליגט אין אַ טעלערל אַ שטיקל ברויט מיט אייער, פלייש, גרינוואַרג, געבעקס. אַ גרויסער אויסוואַל. און מענטשן גייען טאַקע אַרום, האַלטן די פּינפּסענטיגע אין די הענט און באַטראַכטן, וואָס צו נעמען. ביי יעדן קעסטעלע שטייט אָנגע־שריבן וויפיל ניקלס מען דאַרף אַריינוואַרפן פאַר דער פּאַרציע.

איך טו נאָך סיידי'ן: איך וואַרף אַריין צוויי ניקלס. דאָס קעסטעלע עפנט זיך און איך נעם אַרויס מיין טעלערל, גיט זיך אינעווייניג אַ דריי, עס קומט אַריין אַן אַנדער טעלערל עסן און דאָס קעסטעלע איז שוין ווי־דער פאַרשלאָסן.

— ווער זשע שטעלט דאָס אַריין?—פרעג איך סיידי'ן.

— פון יענער זייט וואַנט שטייען מענטשן, אַרבעטער, פאַרשלאָסן, ווי אין אַ טורמע, און שטעלן אַריין די עסנס פאַר אונז,—דערקלערט סיידי.

מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ רייע. מענטשן האָבן געהאַלטן טעפּלעך. סיידי האָט מיר אויך דערלאַנגט אַ טאַץ. איך האָב אַריינגעוואָרפן אַ ניקל, אַ דריי געטאָן מיט אַ קרענטל, האָט זיך געצאַפּט קאַווע מיט מילך פון וואַנט. אָבער מער ווי איין טשאַשקע האָט זיך ניט אָנגעגאָסן.

— ווי גוט און שנעל עס גייט דאָ,—האָב איך זיך געוואונדערט.

— עס זיינען דאָ גרעסערע וואונדערלעכע זאַכן אין ניו יאָרק, ענטפערט סיידי שטאָלץ, גלייך ווי ס'איז איר ניו יאָרק.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל עסן. איך בין געזעסן אַנט־קעגן סיידי'ן, האָב איך גוט געקענט קוקן אויף איר. איר פּנים איז שוין געווען אַלט. קנייטשן האָבן זיך באַמערקט. איך בין געווען זיכער, אַז זי

האָט אַ מאַן, אַ קינד, אָדער קינדער, נאָר זי מוז מסתמא אַרבעטן און העלפן איר פֿאַמיליע, ווי איך מוז אַרבעטן צו העלפן מיין קראַנקן טאַטן.

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אַזעלכע רחמנות אויגן, גלייך ווי איך בין איר שוועסטערל און מוז אַרבעטן שווער.

פּלוצים האָט זי אויף מיר אַזאַ קוק געטאָן מיט קנאה, ווי מיר זאָל זיין בעסער פֿון איר.

— זאָג מיר דעם אמת, מירל, וויפֿיל ביזטו אַלט?

איך בין געבליבן זיצן אַ מינוט פֿאַרטראַכט. איך האָב ניט געוואוסט צי דאַרף איך סיידי'ן אָפּנאַרן אויף צוויי יאָר, צי מעג איך איר זאָגן דעם אמת. איך בין רויט געוואָרן און אַרויסגעשטאַמלט: „זעכצן יאָר".

— און דו קוקסט אויס ווי דרייצן־פֿערצן. ווען דו ביזט מיין שוועס־טערל, וואָלט איך דיך נאָך ניט געלאָזט אַרבעטן. נאָר מסתמא ביזטו ניט געקומען אין שאַפּ אַריין פֿון פֿאַרגעניגן. איך בין אויך געקומען אַזוי יונג צו דער אַרבעט. מיין טאַטע איז יונג געשטאָרבן, האָב איך געמוזט גיין אַר־בעטן, — האָט סיידי גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי זאָל וועלן וויינען.

איך האָב איר דערציילט, אַז קיין מאַמען האָב איך ניט. מיין טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעפּט די האַנט ביי דער מאַשין. מוז איך אים און זיך העלפֿן.

און מיטאָמאָל איז מיר אַרויף אַ שרעקלעכער געדאַנק: איך וועל אויך זיצן מיט דער נאָדל מיינע טעג און יאָרן, ווי סיידי. איך וועל ווערן אַלט, אַזוי ווי זי. דאָס איז שרעקלעך.

סיידי האָט מיך אויפגעוועקט פֿון די געדאַנקען. מיר זיינען אַרויס אין גאַס. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אַזוי פֿיל מיידלעך און פֿרויען. יונגע פֿאַר־לעך באַזונדער און עלטערע באַזונדער. גלייך ווי די יונגע זאָלן ניט זיין די זעלביקע אַרבעטערינס פֿון די שעפּער, ווי די אַלטע. ווי צוויי באַזונדערע וועלטן. די יונגע האָבן געלאַכט און זיך געשושקעט. די אַלטע האָבן גערעדט שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך דערציילן טרויעריגע געשיכטעס.

איז אפשר דערפֿאַר האָבן אויף אונז אַזוי פֿיל מענטשן געקוקט. ווייל איך מיט סיידי'ן האָבן אויסגעקוקט, ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד.

מיטאָמאָל האָט מען אָנגעהויבן לויפֿן אין די שעפּער. די מיטאָג־שטונ־דע האָט זיך שוין געענדיקט.

איך האָב זיך ווידער אָוועקגעזעצט לעבן סיידי'ן. די מאַשינען האָבן אָנ־געהויבן צו קלאַפּן.

— מירל, אַזוי לויפֿן אונזערע טעג און יאָרן אין שאַפּ. די לאַנגע שטונדן און שווערע אַרבעטן זויגן אויס אונזער יוגנט. אונזער לעבן לויפֿט אַזוי שנעל אין ניו יאָרק, ווי דאָס עסן אין אויטאָמאַט.

איך האָב געשאָקלט מיט'ן קאָפּ. מיינע פֿינגער האָבן אָנגעהויבן לויפֿן שנעל מיט דער נאָדל. פֿיל מאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין ניט קיין קינד פֿון פֿערצן יאָר, נאָר אַן אויטאָמאַטישע מאַשין. מיינע פֿינגער זיינען קרענקלעך. זיי דרייען זיך און דרייען זיך.

האָדסאָן טובס

מיר זיינען אַראָפּ פון שאָפ פריילעכע, ווי באַפרייטע פון אַ טורמע. אויפ'ן טראָטואַר האָט שוין געוואַרט אויף מיר מיין ברודער משה. ער האָט געשמייכלט:

— נו, מירל, ווי האָסטו געפילט דעם ערשטן טאָג אין שאָפּ?

— שווער אַביסל, אָבער איך וועל זיך צוגעוואוינען וועט זיין גרינגער, —האָב איך געענטפערט.

מיין ברודער האָט מיך זייער געלויבט פאַר מיין ענטפער. ער האַלט, אַז איך בין שוין אויך אַ גרויסער מענטש, ניט קיין קינד פון פערצן יאָר.

— אַהיים וועלן מיר פאָרן מיט די „טובס", האָט מיין ברודער באַשלאָסן.

אין סאָבוויי איז ווידער געוועזן אַזאַ שטיקעניש, ווי אינדערפרי צו דער אַרבעט פאָרנדיג.

אַרבעטער זיינען געלאָפן, ווי פון אַ מלחמה־פּלאַץ, ווען דער שונא יאָגט נאָך.

מיר האָבן אָפּגעשטייגט ביי פּענסילווייניע סטאַנציע. מיר זיינען געגאַנגען דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר. דער קאָרידאָר איז ליכטיג און ריין, מיט ווייסע קאַכלינע ווענט אין איין זייט, אויף דער צווייטער—גרויסע אויסשטעלונג פענסטער. יעדער פענסטער איז די גרויס, ווי אַ וואַנט. מ'פאַרקויפט דאָרט קליידונג, ביכער, זייפן, אומעטום שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „גימבעל ברידער".

— זיי זיינען זייער רייך. זיי דאַרפן ניט אַרבעטן אַזוי ווי מיר,—האָט מיך מיין ברודער מיט די ווערטער אַוועקגעשלעפּט פון די פענסטער.

— פון וואָס זיינען זיי אַזוי רייך געוואָרן?—פרעג איך אים.

— אָ, דו הויבסט שוין אָן מיט דיינע פראַגעס, קום שנעלער, לויפן מיר ווייטער.

פאַראַן צוויי וועגן צו די באַנען, האָדסאָן טובס, איינע פירט אַריין, דאַרף מען אַריינוואַרפן צען סענט. דער צווייטער — אַרויס, פאַר פיר סענט. זעקס סענט באַצאָלט מען, ווען מען פאָרט אַרויס פון ניו דזשוירזי שטאַט. ניו יאָרק שטאַט איז רייכער, קריגט ער פערצן סענט פון פּאַסאַזשיר הין און צוריק.

ביי די אַריינגאַנגען זיינען געשטאַנען צוויי היטערס געקליידעט ווי קאָנדוקטאָרן. איינער איז געוועזן אַ הויכער, אַ געזונטער. דער צווייטער— אַ קלייניקער, אַן איינגעהויקערטער, ווי ער זאָל אָנהויבן וואַקסן צוריק. דוכט זיך מיר, אַז ווען איך דאַרף שטיין לעבן קעסטל אַ גאַנצן טאָג און האַלטען מיין קאָפּ געבויגן צו די גלעזערנע ווענטלעך פון קעסטל, היטן מען זאָל אַריינוואַרפן פונקט פיר פענים, וואָלט איך אויך אַזוי איינגעוואַקסן געוואָרן, ווי דער אַלטער היטער.

די האָדסאָן טובס לויפן זייער שנעל. ווען זיי לויפן ערגעץ אונטער'ן וואַסער, אונטער'ן האָדסאָן, צווישן קריסטאָפער גאַס און אירי סטאַנציע, הערט זיך אַ קלאַפּעריי, אַ פּייסקעריי, ווי טויזנט מענטשן זאָלן קלאַפּן מיט שטעקנס אין גרויסע ליידיגע פעסער.

„אירי סטיישאָן, אירי", רופט אויס דער קאָנדוקטאָר.

מיר לאָזן זיך אַרויף די טרעפּ. און ווידער ציט זיך אַ לאַנגער באַלויכ־

טענער קאָרידאָר. אַנאַנסן און אַפּישן הענגען אויף די קאַבלענע ווענט. זיי זאָגן אָן וועגן בענק, קליידער־פּאַרקויף און נאָך אַ סך זאַכן. אַ פּאָר קרעמ־לעך פאַרקויפן סיגאַרן, פּאַפּיראָסן, נאַשערייען. אײנגלעך, יונגע אײנגלעך אין מיינע יאָרן, שרייען אויס די נעמען און די נייסן פון צייטונגען. זיי ענדיגן מיט אַ געזאַנג: „מאָרנינג פּייפּ" ווי אַ געבעט: „קויפט אַ צייטונג".

מיר זיצן שוין אויף דער באַן, „מעין לאַין", וואָס פירט אונז אַהיים קיין פּאַסייק.

איך זיץ לעבן מיין ברודער. ער לייענט אַ צייטונג. און איך טראַכט נאָך אַלץ וועגן די לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס פירן פון און צו די באַנען, וואָס לויפן אונטער'ן וואַסער.

ערגעץ וואו האָב איך געלייענט וועגן אונטערערדישע פּאַלאַצן פון אַמאָ־ליגע קעניגן, וואָס פלעגן זיין איינגעהילט אין געהיימנישן און כישוף.

און מיר האָט זיך היינט, מיין ערשטער טאָג אַרבעט אין ניו יאָרק, אויסגעדוכט, אַז דאָס גאַנצע יאָגנדיגע לעבן אין און אַרום דער גרעסטער שטאָט אויף דער וועלט, איז אַ געהיימעניש, ווי עפּעס פאַר'כישופ'ט.

שאַפּ און בראָדוויי

היינט איז געוואָרן אַ מאָנאַט זינט איך אַרבעט אין ניו יאָרק. מיין פּאַפּע'ס האַנט איז נאָך ניט פאַרהיילט. ער קען נאָך ניט אַרבעטן. איך בין שוין אַזוי צוגעוואוינט צו לעבן צווישן גרויסע, אַז איך ווייס ניט צי איך וואָלט געקענט צוריקגיין אין שול לערנען.

פאַר דער צייט, וואָס איך פאָר פון פּאַסייק קיין ניו יאָרק און צוריק, האָב איך אָנגעזען אַזוי פיל בילדער אויפ'ן וועג, אַז איך קען זיי גאָר ניט אָנגעדענקען.

איינמאָל איז געוואָרן אַ טומל אויף דער שיף, וואָס פירט אַריבער דעם האָדסאָן. אַ מאַן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. יענער טאָג איז גע־ווען אַ קאַלטער. דער האָדסאָן האָט זיך בייז געכוואַליעט. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער ליאַרם. שיפלעך האָבן באַלד אָנגעיאָגט און אַרויסגענומען דעם מאַן. ער איז געווען אַן אַרבעטסלאָזער.

איינמאָל האָט מען געפירט זעקס אײנגלעך געשמידט אין קייטן. צוויי־שען זיי איינער — אַ שוואַרצער. זיי האָבן אויסגעקוקט אין עלטער פון פופצן ביז זיבעצן יאָר. און וואָס זייער פאַרברעכן איז באַשטאַנען, ווייס איך ניט. מענטשן האָבן געשפּאַסט: „זיי האָבן ניט געוואָלט ענדיגן פּאַבליק סקול, שיקט מען זיי אין ק אַ ל ע ד ז ש". זיי האָבן מסתמא געמיינט אין טורמע. די זעקס אײנגלעך האָבן געטראָגן זייער אָרימע קליידער.

איינמאָל איז אַ מאַשין אַרויף אויף אַ טראָטואַר און פאַרוואונדעט פיר קינדער. ס'איז געוואָרן אַזאַ גוואַלד, גלייך ווי די ערד וואָלט זיך געעפנט און אַלע מענטשן פאַלן אַריין.

די ערשטע טעג פון מיין אַרבעטן אין ניו יאָרק פלעג איך זיך וואונדערן, איצט בין איך אויך קאַלטבלוטיג, ווי אַלע ניו־יאָרקער מענטשן. איך טראַכט אַמאָל, אַז ניו יאָרק מאַכט די מענטשן אַזוי האַרט און חיה'ש, ווי סאָלדאַטן אויף אַ שלאַכטפעלד, וואָס זעען זייערע ברידער'ס, חברים'ס בלוט, טויט, קוקן זיי זיך ניט אום און שלאָגן זיך ווייטער.

אָבער שטענדיג ווען איך זע אַן אומגליק, טרעפט עס נאָר אַן אָרימען מענטשן, אַן אַרבעטער.

פארוואס?
ווי אנדערש איז דאס לעבן אויף בראָדוויי ביינאכט. סיידי, מיין שאפּ־חבר'טע האט מיך מיטגענומען אין „ראקסי" טעאטער. ס'איז ליכטיגער אויף בראָדוויי ביינאכט, ווי ביי אונז אין שאפּ בייטאָג.
טויזנטער עלעקטרישע ליכט, שילדן, פינקלען ווי שטערן. מענטשן שפּאַצירן אזוי פיל און געדיכט, ווי עס גייען אינדערפרי ארבעטער אין די שעפער.
נאָר די בראָדוויי-שפּאַצירער טראָגן רייכע קליידער. זיי יאָגן זיך ניט, שטופּן זיך ניט. זיי דארפן ניט קומען פּונקט אכט אזייגער אין שאפּ אריין.
„ראקסי" טעאטער איז אזוי רייך, ווי א קעניגלעכער פּאלאַץ. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין א פּאלאַץ. אבער איך האב א סך געלייענט וועגן דעם. די לערערס אין פּאבליק סקול האבן דערציילט מעשיות וועגן קעניגן און פּאלאַצן.
איך טראַכט טאקע איצט:
פּארוואס האבן די לערערס פון דער אידישער ארבעטער־שול דערציילט וועגן ארבעטער און רעוואָלוציאָנערן, שעפער און רעוואָלוציעס, און לערער פון פּאבליק סקול—וועגן קעניגן און פּאלאַצן?
אין „ראקסי" ליגן טעפּיכער אויסגעשפּרייט אויף דילן און אויף טרעפּ. מען גייט אזוי שטיל, אז מען הערט ניט דעם טראָט. אויף די ווענט הענגען בילדער פון גרויסע מאָלער. אויבן, לעבן סטעליע, איז אויסגעשניצט א שטיבל מיט הויכע שפּיצן, ווי פון א קירך. די מענטשן רעדן דאָ טאקע אזוי שטיל, ווי דאָ וואָלט טאקע געווען דער פּלאַץ זייער הייליג.
אינעווייניג זיצן טויזנטער מענטשן אויף ווייכע שטולן. און ס'איז אזוי שטיל, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען. אָט עפנט זיך א פּלושענער פּאָרהאנג. עס הויבן זיך ארויס פון אונטער דער ערד דריי באַגילדעטע פּיאַנאָס. איינע פון דער אנדערער פריי, לעבן זיי זיצן שפּילער. און אז איך דארף זיך אויפהויבן יעדן טאָג אויף דעם זעכצנטן שטאָק צו מיין שאפּ, מוז איך זיך שטיקן אין א קליין צימערל פון הויב־מאשין, עלעוויטאָר, וואס איז גרויס ווי א פּעסל.
און זיי שפּילן אזוי שיין אויף די פּיאַנאָס, אז עס גלוסט זיך מיר חלומ'ען. דערנאָך קומען ארויס זינגערס און טענצערס, וואס פירן דורך וואונדערלעכע נומערן. מען ווייזט בילדער, און כאָטש איך גיי אין די מוּוויס פון יאָרן שוין, האב איך איצט דאָס ערשטע מאָל געטראכט, פּארוואס מען ווייזט שטענדיג דאָס לעבן פון די רייכע מענטשן, פּארוואס ווייזט מען ניט דאָס לעבן אין די שעפּער, דאָס יאָגן זיך צו און פון דער ארבעט, דאָס שטיקעניש אין סאָבוויי.
טראַכט איך וועגן די צוויי באַזונדערע וועלטן: שאפּ און בראָדוויי.

מיין ערשטער סטרייק

ווי אלע טעג, בין איך היינט געקומען אכט אזייגער אין שאפּ אריין. אלע ארבעטער האָבן פארנומען זייערע פּלעצער. די מאשינען האבן אָנגעהויבן צו רוישן. ס'האט זיך אָנגעפאנגען דער שאפּ־טומל; דאס געזאַנג פון ארבעט.
פּונקט צען אזייגער האט זיך אָפּגעשטעלט דער שאפּ. בערל פּרעסער, א הויכער יונגערמאן מיט צוויי שארפע אויגן, האט אויסגערופן:

„מיר גייען אַלע אַראָפּ אין סטרייק!"

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז שוין עטלעכע טעג, ווי מ'שושקעט זיך אין שאַפּ, און מיר זאָגט מען גאָר ניט אויס.

— דו גייסט מיט אונז, מירל?—פרעגט מיך סיידי.

— איך גיי. איך וועל קיין סקעב ניט זיין,—האָב איך אויסגערופן.

סיידי האָט מיך אַרומגענומען און געקושט. האָב איך זיך פאַרשעמט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'האַלט מיך אין שאַפּ פאַר אַ קינד.

און איך בין שוין אַלט פערצן יאָר מיט דריי חדשים.

איך דערמאָן מיך ווידער אָן מיינע לערערס:

אין פּאַבליק־סקול האָט מען מיר דערציילט, אַז סטרייקערס זיינען פוילע מענטשן, וואָס ווילן ניט אַרבעטן.

אין דער אידישער אַרבעטער־שול האָט מען מיר דערציילט, אַז סטרייקערס זיינען קלוגע אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרשקלאַפן. סטרייקערס זיינען שטאַלצע אַרבעטער, וואָס פאָדערן זייערע רעכטן פאַר זייער אַרבעט.

האָט טאַקע מיין אידישער לערער דעם אמת דערציילט.

שטאָלצע זיינען מיר אַלע אַראָפּ פון שאַפּ. אויפ'ן גאַס האָבן זיך שוין געצויגן רייען מיט אַרבעטער, סטרייקערס. אויף זייערע הערצער זיינען געהאַנגען שילדן מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן „ס ט ר י י ק".

ווען מיר זיינען אַראָפּ פון שאַפּ, האָט מען אונז באַגעגנט מיט הוראַ־אויסרופן, שטאָלצע און פרייליכע, האָט מען געזונגען לידער. מ'איז געגאַנגען צו צוויי אין אַ רייע, ווי סאָלדאַטן אין אַן אַרבעטער־אַרמיי. איך בין געווען אַזוי פריילעך. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך העלף מיט מיין גיין אין זינגען דער גאַנצער וועלט.

אפשר וועלן די פאַבריקאַנטן, קאַפּיטאַליסטן אָנהויבן פאַרשטיין, אַז מ'דאַרף אונז ניט האַלטן אַזעלכע לאַנגע שטונדן אין פאַרשטיקטן שאַפּ.

„קלענערע שטונדן. גראַמערע שעפּער. גרעסערע פאַרדינסטן"—סטרייקען מיר פאַר די פאָדערונגען. ניט דערפאַר, וואָס מיר זיינען פויל.

מיר זיינען געגאַנגען אויפ'ן טראָטואַר. דאַכט זיך קיינעם ניט אָנגערירט. מיטאַמאָל איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן פון פּאָליס־דעפּאַרטמענט. פּאָליסלייט האָבן זיך צעלאָזן אַרום אונז, ווי היצלס, וואָס כאַפּן הינט. אַלעמאָל האָבן זיי געכאַפּט אַרבעטער, אַן אַרבעטערין, געשלעפּט און אַריינגעוואָרפן אין וואָגן אַריין, ווי מ'וואַרפט אַריין הינט.

מיר זיינען אָבער שטאָלצע געגאַנגען אויפ'ן „פּיקעט־ליין".

אָט האָט מען געכאַפּט סיידי'ן און געשלעפּט צום וואָגן. איך האָב דערלאַנגט אַ געשריי אויפ'ן פּאָליסמאַן, האָט ער זיך אומגעקערט און מיך אויך פאַרנומען.

אין וואָגן זיינען מיר געלעגן איינער אויפ'ן אַנדערן צענויפגעוואָרפן אין אַ קופּע, ווי פיש אין אַ נעץ.

די פּאָליסלייט האָבן געלאַכט. איך האָב געפילט ווי צו וויינען, נאָר כ'האָב זיך געשעמט. איך האָב מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד נאָר פאַר רייכע. ווען אַן אַרבעטער וויל פאַרבעסערן זיין לעבן דורך אַ סטרייק, לאָזט מען ניט, מען שלאָגט.

מען האָט אונז געבראַכט אין געריכט. דער צימער איז אַ גרויסער, ווי אַ זאַל. נאָר אַלעמאָל האָט מען אַריינגעוואָרפן נייע סטרייקערס. עס איז געוואָרן ענג.

די אָנפירער פון כטרייק האָבן אונז אריינגעשיקט עסן. די פּאָליסליים האָבן אונז געוואָרנט: „פּירט זיך אויף רואיג, דאָס איז דאָס גערינכט". מען האָט זיך אָבער אַלעמאָל פאַרגעסן, אַלע זיינען געווען פריילעך און האָבן געזונגען.

„סאָלידאַריטעט אויף אייביג,
ווייל די יוניאָן מאַכט אונז שטאַרק".

דער ריכטער, אַן אַלטער מאַן מיט אַ ליידיגן קאָפּ, ווי אַ לבנה; מיט בייזע צוויי אויגן, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט זיינע ברילן—איז אריין. ער האָט כמעט ניט געהערט אונזערע נעמען ביים אויסרופן. בלויז אויפ׳ן קוק האָט ער אויסגעטיילט צו צוויי און צו דריי טעג טורמע. אַ טייל האָט ער באַפרייט. מיך אויך. ער האָט מיך געפרעגט וויפיל איך בין אַלט. איך האָב אויך אים אָפּגענאַרט און געענטפערט זעכצן יאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער באַלעבאָס פון אונזער שאַפּ נאָכגעגעבן אונזערע פאָדערונגען און מיר זיינען אַרויף שטאָלצע צו דער אַרבעט.

איך האָב פאַרשריבן:

„מיין ערשטע מלחמה אין ניו יאָרק, מיין ערשטער סטרייק. איך האָב געזיגט".

איך ווער אַ רעוואָלוציאָנערקע

אין זאַל איז אַ טומל. ס׳איז אַ מיטינג פון מיין יוניאָן. מיר קלייבן נייע באַאמטע. די מענער רויכערן. הענגט אַ רויך לעבן דער סטעליע, ווי אַ וואָלקען. מען רעדט וועגן אונזער סטרייק. אַלע זיינען שטאָלץ און לעבעדיג, טאַקע ווי זיגערס אין אַ מלחמה.

איך בין נאָך ניט צוגעוואוינט צו אַזעלכע מיטינגען. איך זיץ לעבן סיידי׳ן. זי באַקענט מיך מיט פיל אַרבעטער. זי לויבט מיך פאַר זיי. איך ווייס ניט פאַרוואָס זי דאַרף מיך לויבן. ווי קען דאָס אַן אַרבעטער, וואָס פאַרשטייט זיין לעבן, זיין אַ סקעב? וואָס הייסט ניט סטרייקן מיט אַלע גלייך?

דער פאָרזיצער קלאַפּט אַלע מאָל. ער שרייט. ער בעט זיך, עס זאָל ווערן שטיל. מען שוויצט, ס׳איז הייס אין זאַל. נאָר דער עולם איז פריילעך. ווי קען מען זיין שטיל?

אַרבעטער רעדן. איינער מאַכט מיט די הענט. נאָך יעדן שטאַרקן וואָרט גיט ער אַ פּאַך מיט זיין האַנט, ווי ער זאָל האַקן האָלץ. אַ צווייטער רעדט זיך אַזוי געלאַסן, ווי ער זאָל דערציילן אַ מעשה׳לע. ער דרייט זיך הין און צוריק אויף דער בינע, ווי ער זאָל זיך כאַפּן אַ שפּאַציר. אַ דריטער קלאַפּט מיט׳ן מויל שנעל, ווי אַ מיל זאָל מאָלן. די ווערטער לויפן פון אים אַרויס, ווי זיי זאָלן זיך יאָגן איינער נאָכ׳ן צווייטן.

און אַלע רעדן וועגן אונזער לעבן אין שאַפּ, וועגן סטרייק. ווי אַזוי מיר האָבן העלדיש געקעמפט. די פּאָליציי האָט אונז געשלאָגן, געוואָרפן אין טורמע, און מיר האָבן זיך ניט דערשראָקן. און זיי מאָלן בילדער פון פּיקעטליין, פון שאַפּ, פון געריכט, פון טורמע.

און פּלוצים באַווייזט זיך אַ מאַן אויף דער בינע, ווען ער קומט נאָר אַרויף ווערט אַ קלאַפּעריי. מען פּליעסקעט לאַנג מיט די הענט. דער פאָרזיצער שטעלט אים פאָר פאַר אונז: דער רעדאַקטאָר פון דער איינציגער

אידישער ארבעטער צייטונג אין אמעריקע, די „מארגן־פרייהייט”, די קאמו־ניסטישע צייטונג, וואס האט אונז געהאלפן געווינען דעם סטרייק.

א פאר ברידער האבן זיך אויפגעהויבן און אנגעהויבן דעם „אינטער־נאציאנאל”. מיט אמאל האבן זיך אלע א הויב געטאן און ווי א כאר אונ־טערגעכאפט דאס ליד.

איך האב אויך געזונגען. איך געדיינק נאך גוט די ווערטער און דעם מאטיוו פון מיין אידישער ארבעטער שול.

איך דערמאן זיך איצט, אז אין שול האבן מיר ניט פארשטאנען די ליד אזוי גוט, אבער איצט פיל איך אזא דאנקבארקייט צו מיין לערער.

סיידי איז פול מיט פרייד. מיין גוטע חבר'טע פון שאפ פרעגט מיך:

— דו קענסט דעם אינטערנאציאנאל?

— זיכער, איך געדענק נאך פון שול.

דער חבר האט זיך צעווייגט און גערעדט אויף דער בינע וועגן אונזער לאגע אין אמעריקע, וועגן אונזער קאמף געגן די באלעבאטים און געגן אונ־זער קאפיטאליסטישער רעגירונג. און ער האט אונז דערציילט וועגן סאוועטן־פארבאנד, וואו דער ארבעטער־קלאס האט שוין גענומען די רעגירונג אין זיינע הענט דורך א גרויסן קאמף, א גרויסן סטרייק—דארטן זיינען די אר־בעטער די בויער און פירער פון זייער לאנד.

און יעדער סטרייק, יעדער קאמף אונזערער, איז אן אנהויב איבערצו־נעמען אויך דאס לעבן אין אונזערע הענט.

און ווידער פליעסקען מיר מיט די הענט. און מיר דאכט זיך, אז אין זאל קאכט און זידט, ווי אין א קעסל. יעדנ'ס הארץ קלאפט האסטיג, מיין הארץ און סיידי'ס פיל איך. אונזערע אויגן גלאנצן. א פרייד האט זיך צע־שפרייט אויף אונזער פנים'ער. מיר זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאר אונזער גערעכטן קאמף צו באפרייען אלעמען פון שקלאפעריי און עקספלוא־טאציע.

— מירל, וואלסט וועלן אריין אין דער קאמוניסטישער באוועגונג?— די קאמוניסטן זיינען די ערשטע, וואס ווארפן זיך אין אונזער קאמף, זיי גייען אין די גרעסטע פייערן. איך בין אויך א קאמוניסטקע.

— זיכער וויל איך, סיידי, איך וויל אויסוואקסן א גרויסע קעמפערין, א רעוואלוציאנערקע, ווי די גרויסע העלדן, וואס מען האט פארשיקט אין טורמעס פאר רעוואלוציאנערער ארבעט. מיין לערער פון דער אידישער אר־בעטער קינדער שול האט מיר א סך דערציילט וועגן זיי.

— אבער וועט מען מיך ארייננעמען? איך בין נאך יונג און ניט געלערנט.

סיידי האט זיך צעשמייכלט. זי האט ארויסגענומען א רויט קארטל. איך האב עס אויסגעפילט: אנגעשריבן מיין נאמען, אדרעס און מיינע אמת'ע יארן. איך וועל ווערן א מיטגליד אין דער „יונגער ארבעטער קאמו־ניסטישער ליג אין אמעריקע”.

סיידי האט מיר געדריקט די האנט:

— מירל, דו וועסט זיין א גוטע רעוואלוציאנערקע, א גוטע קאמו־ניסטקע.

מארגן איז דער ערשטער מאי. נאך דער ארבעט בין איך אוועק צו סיי־די'ן אהיים. מיר דארפן צוגרייטן א רויטע פאן. איך פיל זיך אזוי יום־טוב־דיג און שטאלץ: איך וועל העלפן אויסנייען די פאן.

אונזער מלחמה אין ניו יאָרק

אין סיידי׳ס צימערן איז שטיל. איר אַלטע מאַמע שלאָפט. איר ברודער איז אוועק אויף אַ וויכטיגן מיטינג. מיר זיצן און נייען אויס די ווערטער: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאראייניגט זיך!" אין צימערל שוועבט אַרום הייליגקייט. די רויטע פאָן, וואָס ליגט צעשפּרייט איבער׳ן טיש. שניידט מיט איר רויטקייט אונזערע אויגן. כ׳וועל ניט מאַכן קיין טעות. דאָס איז דאָך ניט קיין מאַנטל. דאָס איז אונזער רויטע פאָן. און איך לייען אַלע מאָל די ווערטער: פּראָ־לע־טאַ־ריער פון אַ־לע לענ־דער.

און קומען וועט אַ טאָג. און אַזאַ טאָג וועט זיכער קומען, ער מוז קור־מען—אַזוי האָבן אונז מאַרקס און ענגעלס און לענין געלערנט—ווען די אַר־בעטער פון דער גאַנצער וועלט וועלן איבערנעמען די מאַכט אין זייערע הענט. זיי וועלן איינפירן אַ קאָמוניסטיש לעבן. אַלע וועלן אַרבעטן גלייך און לעבן גלייך.

סיידי איז פאַרטיפט אין וואָרט פאַר־איי־ניגט. און אפשר טראַכט זי אויך אַזעלכע געדאַנקען, וואָס איך טראַכט.

מיטאַמאָל נעם איך די פאָן און פּאַרוויקל מיין קאָפּ. סיידי גיט זיך אַ כאַפּ:

— מירל, פאַרזיכטיג, קענסט נאָך פאַרפלעקן. אונזער רויטע פאָן טאָר ניט האָבן קיין פלעק אויף זיך.

איך שמייכל. איך פיל עפּעס אין זיך אַזאַ פרייד, וואָס איך קען ניט באַשרייבן מיט ווערטער אין מיין טאָג־בוך. איך וואָלט זיך געוואָלט איינ־וויקלען אין דער רויטער פאָן און זאָל מען מיך טראָגן, טראָגן אין דער לופ־טען אויף דער דעמאָנסטראַציע. עס זאָל זיך מיר אויסדרוקטן, אַז איך פלי פון לאַנד צו לאַנד און רוף און שריי: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַר־אייניגט זיך אונטער דער רויטער פאָן!"

סיידי כאַפּט מיך אַרום און קושט מיך. איך דערזע טרערן אויף אירע אויגן. הייב איך אויך אָן צו וויינען.

— פאַר פרייד, פאַר פרייהייט, — מורמלט זי.

:: :: ::

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אָבער שלאָפן האָבן מיר ניט געקענט. אינדערפרי זיינען מיר אוועק מיט דער רויטער פאָן אין אַרבעטער־צענטער, אויף יוניאָן סקווער.

עס איז געווען וואָלקנדיג. אַ רעגן איז געגאַנגען איבער אונז, ווי אַ דראָאונג, אַז יעדע מינוט קען ער זיך אַראָפּלאָזן.

אַלע מאָל זיינען אָנגעקומען נייע אַרבעטער, חברים מיט רויטע פאָנען. מען אָט זיך געווערטלט: — גאָט איז אַ קאַפּיטאַליסט. ער וויל שטערן אונזער יום־טוב, דעם 1טן מאַי.

מען האָט זיך טאַקע געשראָקן. ניט יעדער וועט מאַרשירן אין אַ רעגן.

פון אַלע זייטן, פון אַלע גאַסן זיינען אָנגעקומען מחנות אַרבעטער מיט פּלאַקאַטן, מיט רויטע פאָנען. אָט קומען שוין די פּיאָנערן, די קינדער פון די אַרבעטער שולן. און אָט איז — — — יאָ, מיין לערער פון מיין שול. איך לויף צו צו אים. ער שטייט, ווי אַ קאָמאַנדיר. לעבן אים שטייען אַ מחנה קינדער, ווי סאָלדאַטן.

— מירל, וואָס זשע מאַכסטו ?—דריקט ער פריינטלעך מיין האַנט.

און ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים קו־שען. ווייסט ער דען ווי צונויף עס קומט מיר זיין לערנען אין שול ?

— איך בין שוין געוואָרן אַ גרויסע, חבר לערער, איך אַרבעט אין שאַפּ. איך בין געוואָרן אַ קעמפּעריין, אַ קאָמוניסטקע, די רויטע פאָן פון אונזער יוניאָן האָב איך מיט אַ חבר'טע פון מיין שאַפּ אויסגענייט.

האַלט איך כאַטש אַ קנעפּל פון זיין רעקל און גלעט עס, ער איז זייער צופרידן, וואָס איך בין אַזוי קעמפּעריש.

עס דערהערט זיך דער „אינטערנאַציאָנאַל" פון אַן אָרקעסטער. דאָס איז אַ טייל פון נעגערשע מוזיקאַנטן. זיי פירן אָן. מיר, רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער, ווילן ווייזן די קאַפּיטאַליסטן, אַז אַלע דאַרפן זיין גלייך און פאַר־אייניגט.

אַ ים מיט מענטשן טראָגט זיך. דיסציפּלינירטע רייען, ווי סאָלדאַטן פון אַ רויטער אַרמיי. די רויטע פאָנען פּלאַטערן. די פּלאַקאַטן שווימען אין דער לופטן, ווי מאַסטבוימער אויף שיפן. עס מאַרשירן סטרייקערס, קאָמו־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס, קלובן, סטודענטן, פּיאָנערן, שול־קינדער, יוניאָנס. די רייען זיינען געדיכט. ביי די זייטן גייען סימפּאַטיקער פופציג טויזנט. הונדערט טויזנט. ווער קען זיי ציילן. היינט איז דער ערשטער מאַי. די אַר־בעטער פון ניו יאָרק דעמאָנסטרירן זייער סאָלידאַריטעט מיט די רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז געדיכטע וועלדער טראָגן זיך, שווע־בען. אַלערליי קאָלירן פון קליידער, פּנים'ער. אַלע ראַסן : געלע, שוואַרצע, רויטע, ווייסע. און איבער זיי הענגט אַ זון. אַ רויטע, מיט פלאַמען־פאָנען. און איבער זיי הענגען קרוינען פון אַרבעט—סערפּ און האַמער.

דאָס איז היינט, דעם 1טן מאַי, דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־קלאַס אַרויס אויף די גאַסן צו באַווייזן זיינע כחות, אָנזאָגן, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען מיר וועלן אַרויס אין אַ מלחמה, א ו נ ז ע ר מ ל ח מ ה, געגן דער קאַפּיטאַליסטישער ניו יאָרק. מיר האָבן הויך געזונגען אונזער ליד, גע־שוואוירן זיך, אַז מיר וועלן שטענדיג זיין גרייט צו פירן אונזער גערעכטן קאַמף, צו באַפרייען אַלע אונטערדריקטע און שאַפן אַ נייע וועלט, אַ שענע־רע, אַ בעסערע, וואו אַלע וועלן אַרבעטן גלייך און לעבן גלייך.

איך בין געגאַנגען שטאָלץ און געהילכט צוזאַמען מיט אַלע :

— דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער און אַנטשיי־דע־נער שטרייט.

מיט דעם אינ־טער־נאַ־ציאָ־נאַל,

שטייט אויף, איר אַרבעטס־לייט!

י. קרעפּליאַק

טויבן

דערציילונג

אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג
מתנות
באַ דעם
שלום-עליכם פאָלק-אינסטיטוט
ניו יאָרק, 1928

Copyright 1928
The Sholem Aleichem
Folks Institute, Inc.
New York

מיר צוויי, איך און מיין עלטערער ברודער, זיינען געשטאַנען הינטער אַ בוים, געוואַרט און געציטערט.

מיר האָבן דערוואַרט צו כאַפּן פּאַר אונדזער טויבנ־שלאַק אַ גאָלדיק־גרינע טויב, וואָס איז פאַרפלויגן און צו־געשטאַנען צום כמר׳ס (קוימער׳ס, גלח׳ס) טויבן, און גע־ציטערט האָבן מיר: דעם כמר׳ס פאַראַבקעס (דינער) זאָלן אונדז ניט כאַפּן, צונעמען בײַ אונדז די היטלען און שלאָגן.

מיר האָבן נאָך געהאַט צו ציטערן, טאָמער דערזעט אונדז עמיצער אַ באַקאַנטער און דערציילט אונדזער שטרענג־שטרענגען טאַטן.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטיקן זומערדיקן פאַרנאַכט אויף אַ פּליכעוואַטן שטיק פעלד בײַם ברודיק־ווייסן פאַרקאַן פון קלויסטער מיט די צעוואַקסענע לינדען און בערעזעס אַרום.

איך און מיין ברודער זיינען געווען אַזוי פאַרקאַכט צו כאַפּן די גאָלדיק־גרינע טויב, וועלכע האָט זיך דאָ אַרומ־געדרייט צווישן די איבעריקע טויבן, אַז מינוטנוויז פלעגן מיר פאַרגעסן אָן אַלץ, פאַרגעסן אפילו מורא צו האָבן. און אונדזערע אויגן זיינען נאָר נאָכגעגאַנגען דעם גראַציעזן גאַנג פון דער טויב, נאָכגעפאָלגט די ראָזע פיסלאַך, די אימפּעטיקע קליינע טריטלאַך. געזען נאָר דאָס פאַרביקע שטאָלצע קעפּל, וואָס נויגט זיך אַזוי חנו׳דיק בײַם גאַנג און פּיקט, פּיקט, פּיקט פון דער ערד.

פלעגט אָבער אַ רים טאָן דער ווינט, אַ שויבער טאָן די קעפּ פון די לינדן, אָדער אַ פלאַטער טאָן אין די בלע־טער און צווייגן פון די בערעזעס און מיר פלעגן בלייבן צוריק דערשראָקענע: דאָס לויפט שוין מסתמא אימיצער פון די פאַראַבקעס...

אין מיט׳ן פּליכעוואַטן שטיק פעלד זיינען אַרומגע־גאַנגען דעם כמר׳ס טויבן, זיך אַרומגעדרייט פּאַר

אונדזערע אויגן, זיך געמישט, איבערגעפלויגן, געוואַר־קעט און געפּיקט.

אַ ביסל אָן אַ זייט איז געלעגן אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד אונדזערס אַ רייפעלע, גאָר אומשולדיק אַרומגעשאָטן מיט אַרבעס, אָבער מיט אַ סך שלייפלאַך פון שטאַרקע פערדן־האָר, וואָס מיר האָבן אומישנע פאַר דעם געריסן אין מאַרק־טאָג בײַ די פערד פון די ווײַדלען.

מיר האָבן דערוואַרט: זאָל די גאָלדיק־גרינע טויב נאָר וועלן פּיקן די אַרבעס אַרום רייפל, וועט זי שוין מוזן אַריינשטעקן אַ פיסל, אַ נאָגעלע אין אַ שלייפל. זי וועט זיך פאַרטשעפּען, דערפילן דאָס שלייפל און וועלן אַוועק־פליען. אָבער דאָס שלייפל וועט זיך פאַרציען, זי פעסט צוהאַלטן צום רייפל און אַזוי וועלן מיר זי האָבן, זי וועט זיין אונדזערע.

די גאָלדיק־גרינע טויב האָבן מיר ניט געוואָלט פאַר־כאַפּן בײַם כמר. זי איז ניט געווען זיינע. די טויב איז געווען אַ פרעמדע, אַ נאָוואָטנע, וואָס איז געקומען פון ערגעץ צו פליען און איז צוגעשטאַנען גראָד צום כמר׳ס טויבן.

מיר האָבן דאָס אַליין געזען.

דאָס האָט געהאַט פּאַסירט מיט עטלעכע טעג פריער. איך, מיין ברודער, און נאָך אינגלאַך, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן פאַרטרייבן אונדזערע טויבן אויף נאַכטלעגער, זיינען געזעסן בײַם ברעג טייך. מיר האָבן זיך גענוג אָנגע־לאָפן און אָנגעשטיפט און איינגעמאַטערטע האָבן מיר זיך צעזעצט וואו איינער האָט געקאָנט, אויף אַ שטיין, אויף אַ קלעצל, אָדער אויף דער הוילער ערד. מיר זיינען נאָך געווען צעהיצט פון אַרומיאָגן זיך און מיר האָבן נאָך ווײַ־טער גע׳טענה׳ט, געלאַכט און זיך באַרימט, אָבער בים־לאַכווייז האָבן מיר זיך איינגעשטילט, אפילו די לעבעדיק־סטע פון אונדז זיינען געוואָרן עפּעס ווי פאַרטראַכט.

דאָס האָט דער זומערדיקער פאַרנאַכט אָפּגעטאָן דעם כישוף און אונדז אינגלאַך איינגעשטילט.

מיר — קליין, דער הימל — גרויס, הויך, טיף. אין זייט ברענט און דער גאַנצער הימל איז פול קאָלירן. שטיל.

פֿאַר די אויגן וויגן זיך ריטמיש זיילן קאָמאַרעס (מאָסקיטאָם): אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף... עפּעס לאַשטשעט אונדז און וויגט אונדז אַיין אונטער'ן שטילן גערויש פֿון טייך.

זיצן מיר שווייגנדיקע, פֿאַרטראַכטע, קוקן צו דער ערד און פֿילן גאָר דעם הימל. קוקן צו דער ערד און פֿילן וואָס עס טוט זיך הויך איבער אונדזערע קעפּ. פֿליט אַ שוואַלב צום נעסט און מיר דערפֿילן עס גלייך און הייבן די קעפּ און קוקן נאָך דעם זיגזאַגישן פֿלי.

האָט זיך אַ פֿלעדער־מויז אַרויסגעלאָזט אָן גערויש אין אָוונט אַרײַן און מיר קוקן נאָך איר צעדרייט, פֿלאַטערדיק פֿליען. און קוק! קוק! אַנדערע פֿון אונדז שפּרינגען אויף. ווילדע גענדז אין אַ שאַרפֿן דריי־עק ציען הויך אין הימל, ערגעץ איבער'ן טייך. זיי שווימען אין דער לופֿטן, ווי איבער אַ וואַסער. די גענדז פֿאַרשווינדן רואיק, שווימענדיק. אַ באָטשאָן פֿליט דורך און לאָזט זיך אַרונטער אין קרייזן אויף אַ בוים. און דער זומערדיקער פֿאַרנאַכט כּישופֿט ווייטער זיין כּישוף. ער צעזעצט אונדז ווידער באַרואיקטע, פֿאַרטראַכטע. מיט אַמאָל אַזאַ שטילקייט! קיינער פֿליט ניט מער. שוין, אַלע פֿייגל אין די נעסטן. דער גרויסער הויכער הימל איז ליידיק, פּוסט!

באַ איין ראַנד איז נאָך געבליבן אַ ליכטיק ראָזער פּאַס. און ס'גייט אָן אַ שטומע פֿארבן־שפּיל. מיר קוקן פֿאַרגאַפֿטע. אַנטקעגן, ווי פֿון דער זייט האָט דער אָוונטשטערן אַ פֿינקל געטאָן גרויס, ליכטיק און שיין.

און מיט אַמאָל, ווי עפּעס וואָלט אונדז אַ צי געטאָן, האָבן מיר עטלאַכע פֿאַרריסן די קעפּ:

קוק! ס'פֿליט נאָך...

און אמת. אין סאַמען מיטן הימל שוועבט אָן איינציקער פֿויגל, איין איינציקער פֿויגל.

מיט פֿאַרריסענע קעפּ קוקן מיר נאָך. קוקן ווי אונטערן גרויסן באַלד נאַכטיקן הימל פֿליט איין איינציקער פֿויגל. ווי קומט אַ פֿויגל אַזוי שפּעט צו פֿליען?

הויך־הויך איבער אונדזערע קליינע קעפּ, דוכט זיך, אַז דער פֿויגל פֿליט ניט, אַז ער הענגט אין דער לופֿטן,

אבער מיר ווייסן, אַז ער פליט און איז ניט אַזוי קליין, ווי עס קוקט אויס און טאַקע:

דער פויגל הויבט אָן פלוצלונג פאַלן ווי אונטערגע־שאָסן. ער קוילערט זיך אין דער לופטן ווי אַ שטיינדל, פאַלט נידעריקער, נידעריקער, אָט וועט ער ארונטערפאַלן צום סאַמען טייך און מיט אַמאָל ער פליט שוין ווידער גלייך מיט רואיקע אויסגעשפּרייטע פליגלען.

— אַ ווערפל־טויב! — האָבן מיר אויסגעשריען.

אַ פּאָר אינגלאַך האָבן זיך נאָך ניט געגלויבט און זיי האָבן זיך געאַמפּערט, געקלערט צו איז עס ניט עפּעס אנדערש.

אבער דער פויגל איז שוין נידעריק פאַרבייגעפלויגן איבער אונדזערע קעפּ און אַלע האָבן מיר דערזען, אַז עס איז אַ טויב.

— ס'אַרא ווערפל־טויב! געזען, ווי זי האָט זיך געקייקלט?!

די טויב האָט זיך געדרייט, געדרייט ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע. מיר האָבן איר נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און דערזען ווי זי לאָזט זיך ארונטער לעבן קלויס־טער.

— צום כמר'ס טויבן! האָבן איך און מיין ברודער אויסגעשריען.

בא אונדז איז אַוועק אַ שפּאַרעניש: אנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע דעם כמר'ס אַ טויב, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשלאָגן און איצט איז זי געקומען צוריק. אַנדערע ווידער, אַז זי איז אַ פרעמדע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע פון צווייטן ברעג טייך.

איך און מיין ברודער זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ פרעמדע טויב... דעם כמר'ס טויבן האָבן מיר גע־האַלטן אויפ'ן אויג און געקענט יעדע פון זיי.

נאָר מיר ווילן שוין זען... און געברענט פון אומגע־דולד, אַז ס'זאָל שוין זיין מאָרגן פאַרנאַכט.

וואָס איך און מיין ברודער האָבן געהאַלטן אויפ'ן אויג דעם כמר'ס טויבן, דאַרף קיין וואונדער ניט זיין. מיר

ביידע זיינען געווען פֿאַרקאַכט אין טויבן, און ווען ס'וואָלט זיך געווענדט אָן אונדז, אָן מיר און מיין ברודער, וואָלט בײַ אונדז די גאַנצע שטוב געווען פֿול מיט טויבן. מיר וואָלטן קיין אַנדער זאַך ניט געטאָן, ווי נאָר געקראָכן אויף בוידעמער, געקלעטערט איבער די דעכער און גע־האָדעוועט טויבן.

עס האָט זיך אָבער ניט אין גאַנצן געווענדט אָן אונדז...
דער טאַטע האָט אויך געהאַט אַ דעה! און נאָך אַ וואָ־סערע! מיר פֿלעגן אַלע ציטערן פֿאַר זיין בליק, אפֿילו די מאַמע. ער פֿלעגט נאָר דאַרפֿן, ווי מיר האָבן עס גערופֿן, „גוט אַ קוק טאָן" און עס איז געווען גענוג מיר זאָלן בלייבן געליימטע.

ער פֿלעגט זיך אין אַזאַ פֿאַל אויסגלייכן אין מאָדנער עקשנות, צענעמען מיט די פֿינגער די שוואַרצע געדיכטע באָרד, גאָרניט ריידן צו אונדז, נאָר מיט איינגעגעסענע אויגן אַ זאָג טאָן דער מאַמען:

— זאָג זיי... איך וועל קאַטעווען.

אונדז פֿלעגט אָפּנעמען דער אָטעם.

דער מאַמען פֿלעגט דער טאַטע באַשולדיקן אין אַלע חסרונות, וואָס ער פֿלעגט געפֿינען בײַ אונדז, בײַ מיר און מיין ברודער, ער פֿלעגט זאָגן, אַז מיר זיינען געראָטן אין איר... אַ גליק נאָך וואָס דער טאַטע איז געווען זייער אַ פֿאַרנומענער מענטש, אַ איד אַ וואַלד־סוחר, און ער פֿלעגט מער זיין ערגעץ אַנדערשוואו ווי אין דער היים.

און אַז דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים, האָבן מיר אָפּגעלעבט. געטאָן, וואָס מיר האָבן געוואָלט. צו דער מאַמען פֿלעגן מיר זיך ניט צוהערן. די מאַמע פֿלעגט אונדז אפֿילו סטראַשען, אַז זי וועט אויף אונדז דער־ציילן דעם טאַטן. אָבער ניט גענוג וואָס זי האָט ניט דער־ציילט פֿלעגט זי פֿאַר אונדז זיך נאָך איינשטעלן. אָבער דאָס האָט ניט שטענדיק געהאָלפֿן, און מיר האָבן פֿאַר'ן טאַטן זייער שטאַרק מורא געהאַט. קען מען שוין פֿאַר־שטיין, אַז אונדזער טויבנשלאַק איז אונדז אָנגעקומען מיט גרויסע צרות. אָנגעהויבן האָבן מיר אים אין אַ צייט, ווען דער טאַטע איז אָוועקגעפֿאָרן און מיר האָבן געוואוסט, אַז

ער וועט זיך זאַמען אין וועג. אפילו פֿאַר דער מאַמען האָבן מיר עס אין אָנהויב געהאַלטן בסוד, כאָטש זי האָט שטאַרק ליב געהאַט צו האַלטן אין שטוב הינט, קעץ, הי־נער, קאַטשקעס, גענדז, אַפילו אַן אינדעטשקע פֿלעגט זיך אַרומדרייען און זיך בלאָזן אַרום שטוב.

אַז דער טאַטע איז געקומען און זיך דערוואוסט, אַז בײַ אונדז אויפֿ׳ן בוידים אונטער דער סטרעכע איז אַ טויבנשלאַק, האָט ער זיך צעבייזערט: — פֿייגעלאַך, טויבעלאַך פֿליען שוין בײַ אייך אין קאָפּ? וואָס איז מיט׳ן לערנען? און ער האָט „געקוקט" אויף דער מאַמען.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט באַלד אַרויספֿאָרן מיט׳ן לערנען און פֿאַר זיין קומען, האָבן מיר זיך אין חדר נאָך מער געסטאַרעט, מען זאָל צו אונדז קיין טענות ניט האָבן.

די מאַמע, וואָס האָט שוין געהאַט ליב געקראָגן די טויבן נאָך אפֿשר מער ווי אירע הינער און קאַטשקעס האָט גענומען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן טאַטען:

— וואָס אַרט דיך, אַז זיי האָבן טויבן? וועמען שאַדן זיי? קיין עסן קאָסט ניט, זיי געפֿינען שוין אַליין.

— און דאָס לערנען? האָט דער טאַטע אַריינגעלאָזן שטרענג די האַנט אין באָרד.

— קלאָגן זיך דען אויף זיי די מלמדים? זיי רימען דאָך זיי, גאָט צו דאַנקען. און איך זאָג דיר, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף טויבן...

— גאָר גערעכטן אין דיר... — האָט דער טאַטע בייז אָפּגעהאַקט דער מאַמען, — גאָר די מעשה מיט׳ן הונט, האָסט שוין פֿאַרגעסן?

און דער טאַטע האָט געמאַכט אַ פֿאַראַכטלאַכע מינע.

מיר זיינען געשטאַנען פֿאַרציטערטע, ווייל בײַם דער־מאַנען „די מעשה מיט׳ן הונט", האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז די מאַמע וועט רויט ווערן, אַנטשוויגן ווערן, און אַרונ־טערלאָזן די אויגן.

און דאָ ווי אויף צו להכעיס, דערשיינט נאָך דער העלד פֿון דער מעשה — אונדזער הינטעל מוציק אַליין. ער קומט אַרויס פֿון ערגעץ און שטעלט זיך קוקן אויפֿ׳ן

טאַטן, ווי איינער פרעגט: האָסט מיך גערופן? ווייל דער־הערט נאָר מוציק זיין נאָמען אָדער דאָס וואָרט „הונט" „הינטל", מוז ער אַרויסקומען פאַר די אויגן, צי מען דאַרף אים צי ניט. איך און מיין ברודער ווינקן צו מוציקן ער זאָל אַוועק, מען דאַרף אים ניט, זאָל ער דאָ ניט זיין אַ לעבעדיקער עדות קעגן דער מאַמען. אָבער מוציק זעט קיין זאַך ניט, שטייט און קוקט הינטיש אויפ׳ן טאַטן...

— זעסט, גרינג אויף דערמאַנען, ער איז דאָ... — רעדט טאַקע דער טאַטע מיט בייזן שפּאָט, „קוקט" אויף דער מאַמען און ווייזט מיט׳ן פינגער אויף מוציק׳ן, — געדענקסט די מעשה מיט אים?...

דערהערט אַזוינע רייד פון טאַטן האָבן מיר אין האַרצן זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדזער טויבנשלאַק, ווייל „די מעשה מיט׳ן הונט", איז געווען אַזאַ, כאָטש די מאַמע האָט ליב געהאַט איר קאַץ אירע הינער און קאַטש־קעס, האָט זי אָבער מער פון זיי אַלע ליב געהאַט מוציקן בא אונדז אין שטוב. האָט דער טאַטע זי שטענדיק אויס־געלאַכט פאַר איר שוואַכקייט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, פלעגט ער טענה׳ן, אַז נאָך אַ בעל הבית׳ישער אידישער פרוי זאָל נאָכלויפן שטענדיק אַ הונט. אין שטוב דער הונט, צום קצב דער הונט, אין קראָם דער הונט! דאַרפסט אים נאָך, זאָגט ער, מיטנעמען אין בית המדרש צום דאַוונען...

אין דער אמת׳ן איז מוציק ניט געווען קיין הונט, נאָר אַ הינטל, אַ געל־ווייסלאַך הינטל מיט קלוגע ברוינע, געטרייע אויגן, און ווי שטאַרק ער איז געווען צוגעבונדן צו אונדז, איז ער צו דער מאַמען געווען נאָך מער צוגע־בונדן. ער פלעגט פון איר אַ טריט ניט אָפּטרעטן. האָט זיך געמאַכט, אַז די מאַמע איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייט שטעטל אויף אַ חתונה, האָט מוציק אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעוויינט. צוערשט האָט ער זיך געריסן אַרויס־צולויפן. געזען אָבער, אַז ער איז פאַרשפּאַרט, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט וויינען און ביינאַכט געלאָפן צו אונדזער בעט, געבולן, געהאַוועקט און געשלעפּט אונדז ווייזן, אַז די מאַמע איז ניטאָ אין שטוב.

האָט באַדאַרפט טרעפן, אַז מיט אַזאַ מוציקן זאָל זיך אויסלאָזן נאָכ'ן טאַטנ'ס רייד. מוציק, וואָס האָט גע־וואוסט, אַז אין דער ווייבערשער שול טאָר ער דער מאַמען ניט נאָכגיין, איז איינמאָל אַ שבת, ווי משוגע געוואָרן און אַריינגעלאָפן אין מיט'ן דאַווענען צו דער מאַמען אין שול אַריין. וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן! די ווייבער האָבן אָנגעהויבן שרייען, ליאַרעמען. מען האָט אים גע־וואָלט פאַרהאַלטן. מוציק האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט פון הענט, זיך דורכגעשלייכט פאַרביי פיס און גלייך צום מזרח וואו די מאַמע האָט געהאַט איר „שטאָט".

די גאַנצע ווייבערשע שול האָט גענומען שרייען צו מוציק'ן. מען האָט גענומען צו אים ריידן גויאיש: „פּאַשאָל, סאָבאַקאַ!" עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. מוציק האָט זיך דערקליבן צו דער מאַמען, און זיך געגעבן אַ צי אויס פאַר אירע פיס.

די מאַמע האָט נאָכדעם דערציילט, אַז ווען זי האָט פּלוצלונג דערזען מוציק'ן לעבן זיך, איז זי שיר ניט גע־שטאָרבן פאַר חרפה. אין שטעטל האָט מען אַ היפּש ביסל גערעדט וועגן דעם, נאָך אַ גליק, וואָס דער טאַטע איז יענעם שבת ניט געווען אין דער היים.

אָבער ווען דער טאַטע איז געקומען צופאָרן, האָט ער זיך דערוואוסט די מעשה מיט מוציק'ען און האָט שוין געהאַט דער מאַמען וואָס אויפצוּוואַרפן.

אונדז פלעגט עס שטענדיק פאַרדריסן. מיר האָבן געוואוסט, אַז די מאַמע אליין האָט באַלד נאָך יענעם שבת געוואָלט פּטור ווערן פון הינטל, נאָר עס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן, ווייל וואָס האָט זי געקענט טאָן מיט אים? אים אַוועקגעבן? קיינער פון אונדזערע אידן האָבן אים ניט געוואָלט נעמען. באַקאַנטע גויים האָבן געהאַט זייערע אייגענע הינט. אַנדערע האָבן גע'עצה'ט: דערטרינקען...

די מאַמע האָט אַזש פאַרבראָכן די הענט: ווי אַזוי רעדט מען גאָר אויס אַזוינס! ביז ס'האָט זיך געפונען אַ קלוגער און האָט פאַרזיכערט דער מאַמען, אַז אויב מען זאָל נעמען מוציק'ן, אים פאַרבינדן די אויגן ער זאָל גאָר־ניט זען, אים אַריינזעצן אין אַ שיפל, און די גאַנצע צייט

פון איבערשיפן, אים ניט לאָזן אויסדרייען דעם קאָפּ אויף צוריק, ווען ער פאַרלירן דעם זכרון. ווייל אַ הונט, מוז אויף אַזאַ אופן פאַרלירן דעם זכרון. און ווען מען וועט אים דאָרט איבערלאָזן, וועט ער שוין ניט וויסן אויף וואַסער וועלט ער איז און זיך מער קיינמאָל ניט אומקערן צוריק.

די מאַמע האָט אַזוי געטאָן, אָבער פאַר׳ן אוועקפירן אים, איז בײַ אונדז קינדער, געווען תשעה באב. מיר האָבן אפילו מוציק׳ן באַהאַלטן, האָט ער זיך אַרויסגעגנב׳עט פון באַהעלטעניש און אַליין אוועקגעלאָפן צו דער מאַמען. מיר האָבן געוויינט און געשריען, אָבער די מאַמע האָט אים פאַרבונדן די אויגן, זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. דער איבערפירער האָט צוגעבונדן מוציק׳ן אַזוי, אַז ער האָט אין קיין פאַל ניט געקענט אומדרייען דעם קאָפּ און גענומען אים איבערפירן אויפ׳ן צווייטן ברעג.

אומעטיקע, צעוויטיקטע האָבן מיר, איך און מיין ברודער זיך אומגעקערט אַהיים: ניטאָ מער מוציק...

געוויינטלאך וואָלטן מיר געגאַנגען צום טייך אַפּוואַרטן דער מאַמען. מיר זיינען אָבער געווען אין כעס און געקוקט אויפ׳ן טייך דורכ׳ן פענצטער, צי דאָס שיפל קומט שוין צוריק.

און מיט אַמאָל — מיר גלויבן ניט אונדזערע אויגן — פון בריק־זייט, מיט׳ן ברעג טייך לויפט אַ הינטל. אונדז איז אין האַרצן איינגעפאַלן: מוציק!

מיר זיינען אַרויסגעלאָפן און געפלויגן אים אַנטקעגן. מיר האָבן אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן: וואו איז די מאַמע? ווי אַזוי? וואָס? אָבער מוציק קאָן ניט ריידן, נאָר די צונג שטעקט ביי אים אַרויס פון שווערן לויפן און ער לאַסטשעט זיך און דרייט מיט׳ן עק.

מיר האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן, געבראַכט אין שטוב און באַהאַלטן, האָט ער אָבער נאָר דערפילט דער מאַמעס קומען מיט׳ן שיפל, האָט ער זיך ווידער אַרויסגעקראַגן פון באַהעלטעניש און איר אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן.

די מאַמע, אַז זי האָט דערזען מוציק׳ן, איז זי געבליבן אַ צעמישטע, ווי זי וואָלט דערזען אַ מת פון יענער וועלט.

זי שווערט זיך, אַז זי האָט אים גוט פאַרבונדן די אויגן און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט אומדרייען דעם קאָפּ.

— מאַמע, רופן מיר אויס, — מיר האָבן אים געזען לויפן פון באַן־בריק, דאָס איז ער מסתמא געלאָפן אַרום און אַרום.

און די מאַמע איז שוין ווידער מאַמע — זי קוועלט אָן פון מוציק׳ען. הערסט, אַזאַ חכם אַ הונט: אים געפירט מיט פאַרבונדענע אויגן און מיט׳ן קאָפּ צו יענעם ברעג און ניט פאַרלוירן דעם זכרון! אַי די מעשה אין שול, איז דאָך דער טאַטע ניטאָ דערווייל אין דער היים, און אויף ווייטער וועט זי מוציק׳ען שוין היטן.

איצט, אַז מיר האָבן דערהערט, ווי דער טאַטע וואַרפט ווידער אויף דער מאַמען די מעשה מיט מוציק׳ען און דער־זען דער מאַמעס פנים, האָבן מיר אין האַרצן זיך שוין גע־זעגנט מיט אונדזערע טויבן. דער טאַטע וועט שוין אויפ׳ן טויבן שלאַק ניט איינגיין. ער קלערט, אַז פון די טויבן קאָן ער נאָך האָבן אַזוינע בזיונות, ווי פון מוציק׳ן. אָבער פּלוצלונג האָט דער טאַטע אונדז אַ פרעג געטאָן:

— וואָס לערנט איר יעצט?

— ישעיה.

— וואָס פאַר אַ קאַפּיטל?

— קאַפּיטל מ׳.

— זאָגט אים נאָר איבער אויף אויסווייניק. פריער ער און דערנאָך דו...

דער טאַטע האָט ליב געהאַט, אַז מיר זאָלן קאָנען אויסווייניק דאָס וואָס מיר לערנען פון „סוואַרבע“ (עשרים וארבעה). האָבן מיר ניט געקאָנט, פלעגט ער אַריינקומען אין שרעקלאַכן כעס. די מלמדים אונדזערע האָבן שוין אויך געוואוסט זיין שוואַכקייט און פלעגן אונדז מאַטערן. איצט פאַר זיין קומען, האָבן מיר אַליין געזען — מיר זאָל קאָנען אויף אויסווייניק, מיר זאָלן אים געפעלן. אַז ער האָט אונדז איצט אַ זאָג געטאָן: זאָגט דעם קאַ־פּיטל מ׳... וועלכן מיר האָבן גוט געקענט, האָט אונדז אין האַרצן גענומען קלאַפּן פאַר פרייד. אָבער דאָך זיך גע־שראָקן. איך ווייס ניט ווי מיין ברודער, אָבער איך האָב

אין הארצן געבעטן גאָט, אַז דער זכות פון ישעיה הנביא זאָל אונדז ביישטיין, מיר זאָלן זיך ניט פאַרהאַקן באַם זאָגן אויף אויסווייניק דעם קאַפּיטל מ׳ און ניט פאַרלירן דעם טויבנשלאַק.

דאָס פאַרהערען איז אַריבער בשלום און דער טאַטע האָט אונדז נאָכ׳ן פאַרהערן מער גאָרניט געזאָגט וועגן די טויבן. ער האָט נאָר מוציק׳ען אַ טרייב געטאָן פון זיך, ווען דאָס הינטל האָט זיך גענומען לאַסטשען צו אים.

מיר האָבן מוציק׳ען בייז אַוועקגעטריבן: זאָל ער ניט קאַליע מאַכן דעם טאַטנס שטימונג און געווען פול מיט פרייד: אונדזער טויבנשלאַק איז אַ געראָטענער, דעם טאַטן אַרט ניט. איצט, וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן מאַכן א טויבנשלק...

מיר האָבן זיך טאַקע אַ נעם געטאָן. אונדז האָט זיך געגלוסט, אַז אַלע טויבן פון אַרום זאָלן זיין אין אונדזער טויבנשלאַק. מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַלע טויבנשלאַקן און באַזונדערס מיט די טויבן פון כמר, צו וויסן וויפיל וואָס און ווען... צו וואָס מיר האָבן דאָס באַדאַרפט, האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט, נאָר עס האָט אונדז געצויגן...

איז דען אַ וואונדער, אַז מיר האָבן דערזען ווי די ווערפל־טויב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן קלויסטער, האָבן איך און מיין ברודער זיך קוים דערוואַרט אויפ׳ן מאָרגנדיקן פאַרנאַכט? מיר האָבן שוין געוואָלט זיין אויפ׳ן פעלד לעבן קלויסטער וואו דעם כמר׳ס טויבן גייען אַרום און פּיקן.

אויף מאָרגן, באַלד נאָכ׳ן חדר, זיינען מיר שוין דאָרטן געווען. ערשט זי איז טאַקע דאָ, די ווערפל־טויב. מיר האָבן נאָך אַזאַ שיינע טויב ניט געזען: אַ גאָלדיק־גרינע און עס מיניען זיך באַ איר אַלע קאָלירן. יעדעס פעדערל אירס, האָבן מיר געזען, איז אויסגעטונקט אין פאַרבן.

אונדז האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ. מיר האָבן דעם כמר מקנא געווען. אַזאַ טייערע טויב האָט זיך באַדאַרפט

אראָפּלאָזן צום גלח! פאַרוואָס ניט צו אונדז? אַ כּמר קאָן קריגן טויבן וויפיל ער וויל און וועלכע ער וויל און אונדז קומט אָן אַזוי שווער איידער מיר קריגן צו אַ טויב.

און אַ ווערפּל־טויב! ווען זי וואָלט אפילו געווען אַ פּראָסטע טויב — אַ „שפּוק", אַזוינע וואָס קוליעט זיך ניט אין דער לופטן, וואָלט זי מיט איר פאַרב אויך געווען די שענסטע טויב אין אונדזער טויבנשלאַק. אָבער זי איז אַ ווערפּל־טויב, אַ טויב וואָס „ציט צו" אַנדערע טויבן צו איר טויבנשלאַק. ווער ווייס, זי קאָן נאָך אויך פון אונדזערע טויבן פאַרשלעפּן צום כּמר...

מיר, איך און מיין ברודער, האָבן באַלד אָנגעהויבן טראַכטן ווי זי צו כאַפּן. צוערשט האָבן מיר געקלערט: מיר וועלן אָנציען אַרבעס אויף אַ פאָדים. דעם פאָדים וועלן מיר צובינדן צו אַ שטריקל, דעם שטריקל וועלן מיר ציען ערגעץ הינטער אַ דערבייאיקן בוים, וואו מיר וועלן שטיין.

מיר וועלן איר פריער לאָזן איינשלינגען די אַרבעס, און ווען זי וועט זיי שוין האָבן טיף אַראָפּגעשלונגען, וועלן מיר זי כאַפּן, ווי מען כאַפּט אַ פיש.

דערנאָך האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז עס איז שווער אַרויפצושטעכן, אַרויפצוציען טרוקענע אַרבעס אויף אַ פאָדים און מיר האָבן באַ זיך אָפּגעמאַכט זי צו כאַפּן מיט אַ רייפעלע.

נאָר צו כאַפּן זי איז ניט געווען אַזוי גרינג. ניט איינמאָל זיינען מיר דאָ, איך און מיין ברודער, געשטאַנען מיט פאַרשטאַרבענע הערצער צוגעטוליעט צום זעלביקן בוים און געוואַרט, געוואַרט. אָט, דוכט זיך, וועט זי שוין צוגיין צו אונדזער רייפל... אָט זי קומט... און מיט אַמאָל, ווי שטענדיק מיט אַ טויב — זיך שאַרף אַ קער געטאָן און אין אָן אַנדער זייט. אַדער אַנשטאָט איר, קומט גאָר אָן אַנדער טויב. מיר מוזן דער אַנדערער אָפּטרייבן, וויל דעם כּמר'ס אַ טויב ווילן מיר ניט. און דאָס אָוועקטרייבן מאַכט, אַז אַלע זאָלן זיך שוין איבערשרעקן און אָפּפליען און מיר מוזן וואַרטן ביז זיי פליען זיך צונויף צוריק.

עס האָט אויך געטראָפן, אַז אין מיט'ן האָבן מיר גאָר

געמוזט אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן... אימיצער פון כמר האָט געהאַלטן אין אָנקומען...

און איינמאָל, אַזוי הינטערן בוים, האָבן איך און מיין ברודער אָנגעהויבן קוקן מיט אָפּגעשטעלטע אויגן. זי קומט זי קומט... און זי גייט טאַקע, די גאָלדיק-גרינע. זי גייט און פּיקט, גייט און פּיקט אַרום אונדזער רייפל, אַט וועט זי באַלד פאַרטשעפּען אַ פיסל, אַ נאָגעלע... קראַמפּיק כאַפּ איך אָן מיין ברודער באַם האַנט: זי שטייט דאָך שוין אין מיטן אונדזער רייפל און פּיקט, פּיקט, נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... מיט אַמאָל, מיר בלייבן טויטע. באַ אונדז איז אָפּגענומען הענט און פיס: די טויב האָט זיך פאַרפּלאָנ-טעט ניט מיט אַ פיסל, נאָר מיט'ן קעפּל...

צווישן די טויבן האָט זיך אויפגעהויבן אַ סומאַטאָכע. זיי זיינען זיך אין שרעק צעפלויגן. באַ אונדזער רייפל זעען מיר נאָר דאָס פאַרצווייפלטע פּאַטשן פון צוויי איינ-ציקע גאָלד-גרינע פליגל אין דער לופט. די פליגל פּאַטשן, פאָכען מיט צעשפּרייטע פעדערן.ביידע רופן, עפּעס ווי צוויי הענט מיט צעשפּרייטע פינגער פון איינעם וואָס טרינקט זיך, און רופן און פלאַטערן: העלפט! העלפט!

עס האָט אפשר מער ניט גענומען ווי עטלאָכע רגע'ס און מיר זיינען געוועזן לעבן רייפל. מיר זעען: דאָס האַ-רענע שלייפל האָט זיך פעסט פאַרצויגן, איינגעשניטן אין דעם דינעם איידעלן העלדזל. דער שנאָבל ברייט צעעפנט און אויף אונדז קוקט אַ בלוט-פאַרלאָפן אַרויסשטאַרצנדיק אויג...

איך האָב מיט אימפּעט אַ פליק געטאָן דעם שלייפל פון רייפל. דאָס שלייפל האָט זיך נאָך אָבער געהאַלטן אַרום העלדזל. מיט ציטערנדיקע פינגער האָב איך עס גענומען פאַנאַנדערנעמען. די טויב האָט זיך געצאַפּלט מיט יעדער פעדער באַזונדער. די צוויי פליגל האָבן אַלץ שוואַכער געפלאַטערט, ווי צוויי הענט מיט אויסגעשטרעק-טע פינגער...

איך ווייס נישט פאר וואָס, נאָר איך האָב אין מיטן געכאַפּט אַ קוק אויף מיין ברודער. ער איז געשטאַנען אַן אומעטיקער, די אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט

צוריק אויף מיר אַ קוק געטאָן און שטיל אַרויסגערעדט:
— זי וועט נאָך אפשר אָפּלעבן...

די גאָלדיק-גרינע טויב האָט טאַקע אָפּגעלעבט ווען מיינע צעשראָקענע פינגער האָבן לויז געמאַכט, צענומען דאָס שלייפל אויפן העלדזל.

צוערשט איז זי נאָך אַלץ געלעגן אויף מיינע הענט מיט אַן אויסגעשטרעקט העלדזל, מיט אַ ברייט צעעפנטן שנאָבעלע. אירע פיסלאַך זיינען געווען אויסגעצויגן און די פליגלען זיינען געווען מאָדנע פאַנאַנדערגעשפּרייט אין פעכערס, ווי זי וואָלט געהאַלטן אין מיטן אַנגעשטרענגטן פליען...

אָבער אין אַ רגע האָט זיך דאָס שנאָבעלע אָנגעהויבן פאַרמאַכן און עפענען, עפענען און פאַרמאַכן, די פיסלאַך האָבן זיך איינגעקאָרטשעט און פאַרלאָרן זייער אָנגעשטרענגטקייט, דאָס קעפל האָט זיך איינגעצויגן, אַן אייגל האָט אַ פינטל געטאָן און די פליגלען האָבן שוואַך אַ פּאַך געטאָן.

דערזעען דאָס, האָב איך אַ געשריי געטאָן צום ברודער:
— לאָמיר לויפן! — און זיך געלאָזט „פליען" צו אַ דערבייאיקן הויף. מיין ברודער נאָך מיר.

דער ברודער האָט געבראַכט וואַסער אין הויפן. מיר האָבן צעעפנט דעם שנאָבעלע און אַריינגעלאָזט עטלאַכע טראָפּנס. זי האָט אַראָפּגעשלונגען.

איצט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז זי וועט לעבן.

אונדז האָט אַרומגעכאַפּט אַ פרייידיקער אימפעט: גיכער לויפן אַהיים... אָבער איך האָב זי געוואָלט טראָגן און מיין ברודער האָט זי געוואָלט טראָגן.
— לאָז מיך, איך וועל בעסער טראָגן...
— ניין, ניט בעסער...

מיין ברודער איז געווען דער עלטערער, אָבער דער תקיפ׳ער (טאַקיפער) בין איך געווען, האָב איך זיך גענומען פאַרזיכטיק צונויפלייגן בא זיך אין הויפן די פיסלאַך, די שפּיצן פליגלען. מיט׳ן ווײַדעלע צוזאַמען — זי זאָל בא מיר ניט אַוועקפליען.

דער ברודער מיינער האָט שוין געזען, אַז עס איז

פארפאלן, אז איך וועל זי שוין טראגן אהיים... נאר די צייט, וואס איך האב בא דער גאלדיק-גרינער טויב צונויפגע־לייגט די פיסלאך מיט די פליגלען, האט ער זיך געהאלטן אין איין צורירן צו איר. ער וועט מיר העלפן, זאגט ער, זי צוהאלטן באם צונויפלייגן... און דערווייל מיט די פינגער געפירט איבער דער טויב, אונטערגערוקט דעם פנים, זי זאל אים א פאטש טאן מיט א פליגל, צוגערוקט א פינגער צום שנאבל — זי זאל אים א פיק טאן.

איך בין געווען אין כעס. ער שטערט מיר. און דא זיינען מיר אין א פרעמדן הויף. דערפאר, ווי איך האב נאר ארייגעגנומען אין הויפן די צונויפגעלייגטע פיסלאך און פליגלאך, האב איך מיין ברודער שוין ניט געזאגט: לאמיר לויפן! נאר זי א כאפ געטאן אונטערן רעקל און פלוצלינג אוועקגעלאפן... איך האב געפילט, אז מיין ברו־דער איז נאך דארטן א ווילע געבליבן שטיין אויפ'ן ארט פון מיין פלוצלינגן אנטלויפן, אבער באלד האב איך דער־הערט ווי ער לויפט מיר נאך.

ווען מיר זיינען געקומען צולויפן אהיים, איז דער ברוגז גלייך בא אונז אריבער. איצט זיינען מיר שוין גע־ווען זיכער, אז די גאלדיק-גרינע ווערפל-טויב איז אונדזערע. קיינער וועט זי שוין בא אונדז ניט אוועקנעמען. אין פריי־דיקער אויפרעגונג האבן מיר אזוי היציק גערעדט און גע־לאכט, אז די מאמע האט געפונען צייט זיך אפשטעלן און פרעגן: — „וואס איז מיט אייך די שמחה?"

מוציק איז אויך ארום אונדז ארומגעשפרונגען, גע־דרייט מיט'ן עק, געקוקט אויף דער טויב און בייזלאך צוגעקוויטשעט, ווי איינער זאגט: גיט זי מיר נאר אהער, איך וועל זי שוין צורעכט מאכן...

מיר האבן מיט מוציק'ן גערעדט הארבע רייד: זאל ער נאר פרובירן זי אנרירן, וועלן מיר אים ניט שאנעווען. זאל ער ניט מיינען אז דאס זיינען די אנדערע טויבן צו וועלכע ער גיט זיך א לאז, ווען זיי פיקן ארום שטוב. שרעקט זיי איבער און מאכט זיי אוועקצופליהען.

די ערשטע זאך האבן מיר געוואלט זען, צי די גאלדיק־גרינע טויב איז אן „ער" אדער א „זי". מיר האבן געהאט

אין אונדזער קליינעם טויבנשלאַק צוויי איבעריקע „זי״-ען, אַן „ער״-ן, און מיר האָבן געוואָלט, אַז די טויב זאָל זיין אַן „ער״.

מיר האָבן זי גענומען באַטראַכטן.

— אַן „ער״! — האָבן מיר ביידע אין איין קול אויסגעשריען.

אונדזער טויבנשלאַק אונטער׳ן דאַך איז נאָך געוועזן אַ קליינער, נאָר די עטלאַכע טויבן-נעסטן זיינען געווען צעזייט איבער אַ האַלבן בוידעם: אין הילצערנע קעסטלאַך וואָס מיר פלעגן צענויפשלאָגן, אונטער די קראָקוועס אָדער נאָר אין אַ ווינקל פון בוידעם. מיר האָבן נאָר באַדאַרפט אוועקלייגן אַביסל היי און די טויב אַליין האָט שוין דעם נעסט אויסגערונדיקט, אויסגעפלאַכטן און אויסגעבעט מיט פעדערן.

מיט גרוים ליבשאַפט האָבן מיר געקוקט אויף אונדזער קליינעם טויבנשלאַק. ליב געהאַט די פאַרלאַך, ווי זיי זיצן מיט פאַרלייגטע שנאָבעלאַך אונטער די פליגלען ווי זיי זיינען איינגעטוליעט איינע אין דער אַנדערער, ווי ליב זיי האַלטן יענעמס שנאָבעלע אונטער׳ן אייגענעם פליגל, ווי שיין זיי רייניקן זיך די פעדערן: פיק, פיק, און איבער דעם אַלעם אַ שטענדיקער מעלאַדישער וואָרקען. ער קייקלט זיך, קייקלט זיך דער ליבער ברוסטיקער קלאַנג. הויבט זיך אָן, רייסט זיך איבער און הויבט זיך ווידער אָן.

און די טויבן זיינען געווען אַלערליי: איינע אין דער אַנדערער ניט געראָטן. מיר האָבן געהאַט אַ פּאָר שטאַרקע, גוטע פליער, וואָס פלעגן קאָנען לאַנג פליען און שוואַכערע, וואָס פלעגן שנעל זיך אַרונטערלאָזן. צווישן די טויבן זיינען געווען קלוגערע און נאַרישערע. מיר האָבן אפילו געהאַט אַ טויב אַ בעל-גאווה׳ניצע, וואָס פלעגט שטענדיק אָנבלאָזן די וואָליע, ווי אַן אינדיטשקע, און זיך האַלטן באַזונדער.

נאָר צום ערגסטן איז געווען מיט אַ פעטער דיקער טויב — אַ פוילערקע. מיר פלעגן זי מוזן שטענדיק טרייבן מיט אַ שטעקן אַז זי זאָל אַביסל פליען. באַ איר אַראָפּצו-

פליען פון דאך אין דער לופט אריין איז געווען, ווי בא א שלעכטן שווימער אראפצושפּרינגען פון הויכן ברעג טייך אין קאלטן וואסער אריין. אט די פוילערקע האט אבער געהאט גענוג שכל זיך אויסצובאהאלטן, ווען מיר פלעגן עפענען דאס פענצטערל אין דאך זיי ארויסצולאזן.

איך און מיין ברודער פלעגן שטיין באם פענצטערל, קוקן אויף דעם צוגעשלאגענעם ברעטל און ציילן:

— איינס ארויס, צוויי ארויס...

איינע פעלט. מסתמא שוין ווידער די פוילערקע. ערשט, זי האט זיך טאקע פארקליבן ערגעץ אין א ווינקל, גארניט אין איר נעסט. האט פארדרוקט דעם שנאבל אונ-טער'ן פליגל און עס איז איר גוט — זי שלאפט.

דערהערט זי אבער, ווי מיר גייען צו איר צו, ציט זי ארויס דאס קעפל פון אונטערן פליגל און קוקט אויף אונדז זייטיק דא מיט איין אייגל, דא מיטן צווייטן אוןווארט מען זאל איר בעטן, זי זאל גיין. און אז מען גיט איר שוין א טרייב, איילט זי זיך אויך נים. נאר קאטשעט זיך פא-מעלאך. ווארט מען זאל איר אויפהויבן און ארויפשטעלן אויפן ברעטל און ערשט באם אפענעם פענצטערל, קוקט זי זיך ווידער אום אויף אונז, ווי זי וואלט געפרעגט: „אפשר וועט איר פארט לאזן צורו?...

אט די פוילערקע און נאך איינע זיינען דאס געווען בא אונדז די „זיען" אן „ערן". מיר האבן געקלערט: ווער זאל זיין א „פאר" פאר דער גאלדיק-גרינער. איך האב געזאגט, נים די פוילערקע. עס פאסט ניט אזוינע פאר אזא ווערפעל-טויב. מיין ברודער האט געזאגט דוקא מים דער פוילערקע: זי וועט ווערן רירעוודיקער. אזא „ער" וועט זי וועלן נאכפליען.

בא אונדז איז געבליבן אז די גאלדיקע גרינע זאל זיך אליין אויסקלייבן איר פאר. איך בין געווען זיכער, אז זי וועט ניט וועלן זיין א פאר מיט אזא פוילערקע... אבער געטאן האט זי, ווי זי וואלט זיך צוזאמענגערעדט מיטן ברודער. זי איז באלד צוגעשטאנען צו דער פוילערקע און געווארן מיט איר א פאר.

מיר איז דאס ניט אנגעשטאנען. אין אנהויב האב איך

זיך אביסל געברוגזט. אבער באלד אויפגעהערט. ווייל יע א פאר, ניט א פאר, פויל צי רירעוודיק, יעדע טויב האבן מיר ליב געהאט און איז אונדז געלעגן אין הארצן. און טאקע:

האלטן אין האנט א טויב, פילן אירע צארטע גראבל־דיקע נעגעלאך, די שפיצן פון סאמעטענע פליגלען — ווי וואונדערלאך עס איז!

האלטסט אין האנט, קוקסט:

ווי אין געבעט זיינען צונויפגעלייגט די פליגלען, א ליב קעפל קוקט אויף דיר מיט צוטרוי און צוגעבונדנקייט. אט אין האנט און באלד אין הימל, אט אין הויפן און באלד א פלי ארויף אין דער ווייטער הויך. פליגלען עפענען זיך, פאכען, לייגן זיך צונויף און ווידער צעעפנטע פאכען זיי און שווימען אין וואונדערלאכע קרייזן.

די גאלדיק־גרינע טויב איז בא אונדז געווארן דער „פער" פון אונדזער קליינעם טויבנשלאק. זי האט גע־בלענדט מיט אירע קאלירן. זיי האבן זיך געהאלטן אין איין מיניען און בייטן ארום איר געטאקטן העלדזל.

די ערשטע עטלאכע טעג, ווען איך פלעג זי האלטן אין האנט און אפלאזן, האב איך שטענדיק נאכדעם גע־קוקט בא זיך אויף די שפיץ־פינגער. איך האב געהאט דאס געפיל, אז אויף זיי איז פארבליבן א סאמעטענער קאלירטער שטויב, ווי איך וואלט געהאלטן א פארביקע זומער־באבעלע אין האנט.

מיט דער גאלדיק־גרינער ווערפל־טויב אין אונדזער טויבנשלאק — איז צו אונדז גאר קיין גלייכן ניט געווען. אינגלאך־חברים זיינען אונדז מקנא געווען. ניט אלע האבן געהאט די זכיה זי צו האלטן אין האנט. מיר פלעגן זיך האלטן אין איין באריטען: מיט אונדזער ווערפל־טויב קאנען מיר כאפן יעדע טויב, אויב מיר זאלן נאר וועלן...

און אין דער אמתן האבן מיר, איך און מיין ברודער, זיך ארומגעטראגן מיט געדאנקען, אז מיר קאנען „צוציען" צו אונדזער טויבנשלאק אפילו דעם כמר'ס טויבן. פארוואס ניט? מיר גייען דען בא אים כאפן מיט א רייפעלע, צי

מיט אַ שטריקל? די ווערפּל-טויב אונדזערע וועט „צו־ציען". דעם כמר'ס טויב וועט דאָך אַליין נאָכפּליען אין אונדזער טויבנשלאַק אַריין, טו וואָס זיינען מיר שולדיק?...

דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים. קיין זאַך איז אונדז איצט ניט געלעגן אַזוי אין זינען, ווי די טויבן. מיר האָבן וועגן זיי געקלערט אין דער היים, אין חדר, באַם דאַווענען. דער רבי האָט זיך שוין געקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז מיר לערנען שלעכט און קאָנען ניט אויף אויס־ווייניק. די מאַמע האָט אונדז געסטראַשעט מיטן טאַטן:

— וואַרט, דער טאַטע וועט אין גיכן קומען...

גלייך אויף דער רגע פלעגט אונדז אַ ציטער טאָן דאָס האַרץ און טראַכטן, אַז אָט גייען מיר זיך שוין נעמען צוריק מיט חשק צום לערנען. אָבער דאָס פלעגט באַלד אַריבער, מיר האָבן נאָר באַדאַרפט צוגיין אַרויסלאָזן די טויבן פון טויבנשלאַק אין זוניקן טאָג אַריין און מיר האָבן אַן אַלץ פאַרגעסן.

צוערשט פלעגן מיר אַרויסלאָזן אונדזער גאָלדיק-גרינע ווערפּל-טויב. אַרויסגעשיקט אַ קאָלירטע טויב אין הימל אַריין. פאַרנאַנדערגעעפנט די פליגלען: פלי! דערנאָך: איינע, צוויי, דריי...

פליגלען פאָכען, רוישן אַרום אונדז. די לופט אַרום אונדז ווערט לעבעדיק, פול באַוועגונג, ווי אַ שטילער וואַ־סער פון אַ סך שווימער. פריער אין נידעריקע, ענגע קרייזן און דערנאָך העכער, ברייטער, צום סאַמען מיטן פון הימל.

אָט אַלע מיט אַמאָל גיבן זיך אַ בויג אין זון, און ווי דורך אַ כשוף אַלע קאָלירן — העל-ווייס! פליגל גלאַנצן מיט העלער ווייסקייט. ווידער טונקל; ווידער ווייס... אַזוי אין וואונדערלאַכע קרייזן.

איך מיט מיין ברודער שטייען מיט פאַרריסענע קעפּ און קוקן נאָך, ווי זיי צעשפּרייטן זיך און קומען זיך צו־נויף, עפּעס ווי אַ ווירבל-ווינט וואָלט דאָרט געדרייט אין די הויכן און זיי צונויפגעטריבן אָדער צעזייט איבערן הימל-וועג.

און די גאָלדיק-גרינע אויף פריער, שטענדיק אויף

פריער און אַלע טויבן נאָך איר. נאָר באַ אַ שאַרפן בויג בלייבט זי פון הינטן, אָבער ווידער אַ בויג און זי איז שוין ווידער אויף פריער.

מיר לאָזן זי ניט אָפּ פון אויג. עפּעס אַ שטראַל, ווי אַ אומגעזעענער פאָדים ציט זיך פון אונדזערע אויגן צו איר און בינדט אונדז צוזאַמען. אונדז דוכט, אַז זי פילט די גאַנצע צייט אונדזער קוק. אַט ווייזט זי אירע קונצן: זי קוליעט זיך פון דער הויכער הויך מיט צונויפגעלייגטע פליגלען, אַ קאַלירטער קנויל קייקלט זיך עם אַרונטער און באַלד ווערט פון קנויל אַ טויב, וואָס שווימט רואיק מיט צוויי צעשפּרייטע פליגל, הויבט זיך ווידער אין דער הויך אין געשרויפטע קרייזן און אַלע טויבן נאָך איר.

— זעסט זי? — האַלט איך אין איין פרעגן מיין ברודער.

— כ'זע. — רייסט ער ניט אָפּ אויף אַ מינוט די אויגן פון הימל.

ווילד פון פרייד זיינען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן איינמאָל געפונען אייעלאַך באַ דער „זי“ פון דער גאָלדיק-גרינער. איך און מיין ברודער האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון פרייד. מיר האָבן אויפן בוידעם אָנגעהייבן ווילד שפּרינגען, געכאַפּט די אייעלאַך און ווי די מאַמע פלעגט אונדז טאָן קליינערהייט מיט אַ פריש איי פון דער הון, אַזוי האָבן מיר זיך געווישט איינער דעם אַנדערן די אויגן און געלאַכט און געשריען:

„ווי דאָס אייעלע איז פריש, אַזוי זאָלן זיין דיינע אויגעלאַך פריש...

ווי דאָס אייעלע איז פריש, אַזוי זאָלן זיין דיינע אוי-געלאַך פריש!“

דער „פּער“ אונדזערער איז איצט ניט אָפּגעטראָטן פון נעסט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט, געוואָרקעט אַרום דער פוילערקע. איז זי נאָר אַוועק אויף אַ ווײַלע, האָט ער זיך גלייך אַליין אַוועקגעזעצט אויף די אייעלאַך — זיי זאָלן זיך ניט אָפּקילן.

מיר זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל. אין גיכן ווען

מיר האָבן יונגענקע ווערפל־טייבעלאַך. באַ אונדז האָט די פאַנטאַזיע געשפּילט: מיט אַזוי פיל ווערפל־טויבן, וועלן מיר אויף אַן אמת קענען צוציען צו אונדז דעם כמר'ס גאַנצן טויבנשלאַק. מיר וועלן פאַרנעמען דעם גאַנצן בוי־דעם מיט די נעסטן. מיר וועלן שוין האָבן אַ סך, אַ סך טויבן.

נאָר איינמאָל קומט אַריין די מאַמע און גיט צו אונדז אַ זאָג:

— גיכער, כאַפּט אַ טויב און לויפט זי קוילענען, צו מלך דעם שוחט!..

דער מאַמעס רייד האָבן אונדז אויסגעקוקט אַזוי מאָדנע, אַז מיר האָבן זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט:

— קוילענען אַ טויב?

דער מאַמעס פּנים איז אָבער געווען ערנסט. מיר האָבן דערפילט, אַז די מאַמע מיינט עס, מיינט טאַקע מיר זאָלן אונדזערע אַ טויב קוילענען. זיינען מיר געוואָרן פאַר־עקשנ'ט: — מיר וועלן ניט געבן!

— איר וועט שוין גאָר געבן, — האָט די מאַמע זיך געבייזערט, — מען דאַרף האָבן טויבן־בלוט פאַר אַ קראַנקער.

וואָס איז אונדז דאָרטן אָנגעגאַנגען אַ קראַנקע. מיר וואָלטן זיך גיכער געלאָזן איינשניידן אַ פינגער און געבן בלוט איידער אַוועקגעבן אַ טויב, אָדער לאָזן זי קוילענען.

— מיר וועלן ניט געבן! — האָבן מיר געהאַלטן אין איין שרייען.

— וואַרט, דער טאַטע דאַרף מאָרגן, איבערמאָרגן קומען. איך וועל שוין דערציילן אויף אייך. איך וועל נאָך דערציילן, אַז איר לערנט אויך ניט. נאָר טויבן ליגן אייך אין קאָפּ.

עפּעס האָט אונדז אַ צופּ געטאָן באַם האַרצן. די מאַמע איז געווען מאָדנע ערנסט און בייז. מיר אָבער האָבן געטראַכט: זי וועט פאָרט ניט דערציילן.

מיר האָבן טאַקע דער מאַמען קיין טויב ניט געגעבן צום שעכטן. נאָר צוליב דער מורא, טאָמער וועט די מאַמע אליין כאַפּן אַ טויב, פלעגן מיר פאָרן אַוועקגיין אין חדר

אַרויסטרייבן די טויבן פון טויבנשלאַק, די מאַמע זאָל ניט קענען כאַפּן. מיר פלעגן עפּעמען דאָס פענצטערל אין דאַך, אַרויסלאָזן אַלע טויבן און צוריק אים פאַרהאַקן.

עס איז אַוועק אַ פּאָר טעג. דער טאַטע איז נאָך ניט געקומען. די מאַמע האָט זיך נאָך אַלץ געברוגזט אויף אונדז, אָבער מיר האָבן שוין געמיינט, אַז אַלץ איז אַריבער.

נאָר מיטאַמאָל לויפט אַריין די מאַמע. מיר זעען: טרערן שטייען איר אין די אויגן און זי ברעכט זיך די הענט:

— ווי איז מיר, זי איז דאָך געשטאָרבן...

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז יענע קראַנקע געשטאָרבן און מיר האָבן זיך איבערגעשראָקן קוקנדיק אויף דער מאַמען. און איבערגעשראָקן האָבן מיר זיך פאַר איר קוק. די מאַמע האָט נאָך אויף אונדז קיינמאָל אַזוי ניט געקוקט. זי האָט צו אונדז גאָרניט גערעדט, נאָר גע־בראָכן די הענט און מיט ווייטיק געחזרט:

— ווי איז מיר, זי איז דאָך געשטאָרבן. — מיר וואָלטן איצטער שוין אפשר געגעבן אַ טויב, אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן.

דעם דאַנערשטיק פאַרנאַכט איז אָנגעקומען דער טאַטע. מיר האָבן דאָך שטענדיק מורא געהאַט פאַר אים, אָבער דאָס מאָל איז אונדז עפּעס געלעגן אַ ציטער אין אַלע גלידער.

אויף מאָרגן, פרייטיק אין דער פרי, ווען מיר האָבן באַדאַרפט אַוועקגיין אויפ'ן האַלבן טאָג אין חדר, זיינען מיר געווען שטילער פון שטיל. עפּעס האָבן מיר דער־וואָרט פון טאַטן, כאָטש אויף אים האָט מען עס גאָרנישט אָנגעזען. עס איז אונדז געווען פאַרדעכטיק. עפּעס איז ער געבליבן אין שטוב דאַווענען, ניט ווי זיין שטייגער איז, און עפּעס קוקט ער ניט אויף אונדז, ווי ער וואָלט אונדז ניט געזען. די מאַמע דרייט זיך אויך עפּעס אַרום אַ שווייגנדיקע, אַ שטומע...

די מאַמע גיט אונדז עסן און רעדט צו אונדז קיין וואָרט ניט.

איך און מיין ברודער האָבן שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דרויסן. זאָל זיין אין חדר, וועלכן מיר האָבן לעצטנס גאָרניט ליב געהאַט, אַבי ניט אין שטוב מיט'ן טאַטן. דאָך האָבן מיר איצט אַלץ געטאָן פּאַמעלאַך, גע־לאַסן, ווי עפּעס אַ כח וואָלט געליימט אונדזערע באַוועגונ־גען. מיר האָבן געגעסן פּאַמעלאַך, געקייט אַ סך, כאָטש מיר האָבן ניט געפילט קיין טעם אין עסן, געלאָסן אָנגע־טאָן די רעקלאַך און מיט געמאָסטענע טריט גענומען גיין צום טיר.

— וואַרט אַ ווײַלע!

דאָס האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן באַזונדערס קלאָר און שאַרף.

מיר זיינען געבליבן צוגעשמידטע צום אָרט.

— קומט אַהער!

מיט געזונקענע פּיס זיינען מיר צו אים צוגעגאַנגען.

— וואָס לערנט איר?

— ישעיה.

— נאָך אַלץ ישעיה... וואָס פאַר אַ קאַפּיטל?

— דעם לעצטן, ס"ו.

מיר האָבן געמיינט ער וועט אונדז הייסן זאָגן אויף אויסווייניק. מיר זיינען געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ווען מיר ווייסן אפילו אויף אויסווייניק, וואָלטן מיר אויך ניט געקענט זאָגן. אָבער אונדזער שרעק האָט זיך נאָך געשטאַרקט, ווען ער האָט האַרט אַ זאָג געטאָן:

— פאַרוואָס האָט איר ניט געגעבן אַ טויב, ווען מען האָט באַדאַרפט פאַר אַ קראַנקער?

מיר זיינען געווען שטום.

— איז דאָס אמת? — האָט ער אַ פרעג געטאָן דער מאַמען.

— אמת. — האָט די מאַמע ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון עפּעס אַן ארבעט.

— מילא, דיינע באַבסקע רפואות מיט טויבן־בלוט בין איך דיר מוחל, — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן דער מאַמען, — אָבער איר וועט בא מיר אַזוינע ניט וואַקסן. איך וועל אייך לערנען. איר וועט שוין האָבן בא מיר טויבן — געבראָטענע!

אונדז איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— אין חדר גייט! — האָט דער טאַטע פּלוצלונג באַ־פוילן.

מיט הילצערנע טריט האָבן מיר זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. אין פּאָרהויז האָבן מיר זיך געוואָלט פאַרנעמען צום טויבנשלאַק, אַרויסלאָזן פריער די טויבן.... אָבער דער טאַטע איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און אויף אונדז אַ געשריי געטאָן:

— מאַרש אין חדר!

די טויבן זיינען געבליבן פאַרשפּאַרט אין טויבנשלאַק.

אין חדר האָבן מיר זיך קיין אָרט ניט געפונען. איך מיט'ן ברודער האָבן אומעטיק און שטום געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן, ווי מיר וואָלטן איינער באַם אַנדערן גע־פרעגט: וואָס וועט עס זיין? דאָס לערנען איז אונדז גאָרניט געקראָכן אין קאָפּ. מיר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז איך הער אַ צעשראָקענעם פליגל־גערויש, אַז עס פליען די טויבן אין אַ סומאַטאָכע, אַז אימיצער יאָגט זיי. איך בין קוים איינגעזעסן אויף אַן אָרט. איך האָב זיך גערוקט, געדרייט, געפּלאָנטערט מיט די פיס אונטער'ן טיש. דער רבי האָט געקוקט קרום.

— וואָס, דער טאַטע געקומען?

— געקומען...

— פאַרוואָס דערציילט איר עפּעס ניט תכשיטים, אַ?

אַרויס פון חדר, האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן: גיכער זיין אין דער היים. מיר האָבן געברענט פון אייל־עניש. אָבער וואָס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צו אונדזער שטוב, אַלץ גלאַסענער זיינען געוואָרן אונדזערע טריט און אַלץ האַסטיקער האָבן געקלאַפּט אונדזערע הערצער. צוגעקומען צום שטוב האָבן מיר גלייך געכאַפּט אַ קוק אויפ'ן פענצטערל. עס איז געווען פאַרמאַכט. אונדז האָט פאַרקלעמט אין האַרצן: אין אַזאַ זוניקן טאָג ניט אַרויס־געלאָזן די טויבן!

באַם פאָרהויז זיינען מיר געבליבן שטיין. עפּעס האָט אונדז געשראָקן. מיר האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין שטוב.

— ווי מיינסטו, דער טאַטע איז דאָ אין שטוב? —
האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין ברודער.

— ווי מיינסטו, ער איז דאָ? — פרעגט איבער דער
ברודער באַ מיר.

מיט אַמאָל, מיר דערהערן מוציק׳ס בילן פון אינווייניק
און עס קומט אונדז אַרויס אַנטקעגן מלך דער שוחט.

אונדז דערזען, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע, אַ
קוק געטאָן אויף אונדז און אין זיינע איינגעגראָבענע צו־
נויפגעשמעלטע העלע אויגן האָט אָנגעהויבן פינטלען אַ
לצנות־פייערל. זיין האָרט, דאַר פּנים האָט זיך צעקנייטשט
אין אַ געלעכטערל, וואָס האָט זיין פּנים געמאַכט נאָך
שלעכטער און בייזער.

איך האָב דערזען, אַז מיין ברודער איז בלייך געוואָרן.
מלך דער שוחט האָט אונדז גאָרניט געזאָגט און מיר האָבן
אים גאָרניט געפרעגט. נאָר אונדזערע אויגן האָבן זיך
ניט געקענט אָפּרייסן פון אים.

ער איז אונדז פאַרבייגעגאַנגען, אָפּגעגאַנגען עטלאַכע
טריט און אומגעדרייט דעם קאָפּ צו אונדז, ווייטער אָפּגע־
גאַנגען עטלאַכע טריט און ווידער זיך אומגעדרייט צו אונדז
מיט׳ן בייזן לצנישן פּנים.

— וואָס טוט דאָ דער שוחט? — האָב איך אין גאַנצן
געציטערט.

— איך האָב מורא אַריינצוגיין אין שטוב, האָט דער
ברודער זיך ניט גערירט פון אָרט.

— קום! האָב איך אים אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט
און ווי איבער געוואַלט געעפנט די טיר.

מיר האָבן אָנגעהויבן וויינען אויפ׳ן קול. אויפ׳ן באַנק,
וואו די מאַמע פלעגט צורעכט מאַכן אַ עוף, זיינען געלעגן
אויסגעקוילעטע אַלע אונדזערע טויבן. די העלדזעלאַך רויט־
איבערגעשניטן, די קעפּלאַך אומגאַטירלאַך פאַרוואָרפן,
פאַרדרייט, די פאַרביקע פעדערן אויסגעשמירט אין בלוט.

מיט אַ מאָדנעם פּנים איז די מאַמע געזעסן איבערגע־
בויגן און געפליקט אַ טויב...

מיר האָבן געוויינט אויפ׳ן קול:

— מאַמע, אונדזערע טויבן!

— דער טאַטע איז דאָ!... — האָט זי אונדז אַ זאָג געטאָן מיט בייזער און מיט שרעק און אָנגעוויזן אויפ'ן קאַמער.

אין זיין גאַנצער הויך האָט זיך דער טאַטע באַוויזן פון קאַמער.

— זאָל זיין שטיל!

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שטיקן מיט אונדזער געוויין. דער ברודער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און ער האָט זיך געטרייסלט פון כליפּען.

— שטיל זאָל זיין, האָב איך געזאָגט!

מיר זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע צוגעשפּאַרט צום וואַנט און געקוקט, געקוקט ווי די מאַמע פּליקט אָפּ איין טויב נאָך דער אַנדערער. פאַר אונדז זיינען זיי נאָך געווען לעבעדיקע, מיט זייערע נעמען און כאַראַקטער. די גאָלדיק-גרינע איז געלעגן אויפ'ן באַנק אַביסל אָן אַ זייט, ווי אימיצער וואָלט באַמערקט איר שיינקייט און עפּעס זי אָוועקעלייגט באַזונדער. דער ברודער האָט ניט אַפּגעריסן די אויגן פון דער גאָלדיק-גרינער. שטיל האָט ער צו מיר געשלוכצט:

— זי וועט שוין ניט אָפּלעבן...

אָבער מיט'ן אויסקוילענען אונדזערע טויבן, האָט דער טאַטע אויך אָוועקגעקוילעט אונדזער מורא פאַר אים. מיר האָבן אויפגעהערט זיך שרעקן פאַר אים. און פּאַסירט האָט עס גלייך דעם זעלבן פרייטיק-צו-נאַכט באַם עסן.

נאָכ'ן קוילענען די טויבן זיינען מיר, איך און מיין ברודער, דעם גאַנצן איבעריקן טאָג געווען ווי געליימטע. מיר זיינען אפילו אַרומגעגאַנגען, געענטפערט, געווען אין שול, געדאַוונט, נאָר אַלץ געטאָן ווי אויטאָמאַטן. אינווייניק זיינען מיר געווען פאַרקלעמט און פאַרגליווערט.

געקומען פון שול, האָט דער טאַטע, ווי זיין שטייגער, אָפּגעזונגען מיט אַ געהויבענער שטים:

„מלאכי השלום
מלאכי עליון"...

דערנאָך האָט מען זיך געוואַשן און זיך געזעצט צום טיש.

מיר האָבן זיך געוואַשן ווי אַלע. אַוועקגעזעצט זיך צום טיש ווי אַלע. עפּעס איז געווען שטילער ווי געוויינט־לאַך: אַן אַנדער ווײַלע האָט מען אַזש געקענט הערן ווי די בענטש־ליכט קנאַקן צו אין די לײַכטער.

דער טאַטע זיצט אַנטקעגן אונדז. די מאַמע אַן אַ זײַט. דער טאַטע מאַכט קידוש, המוציא. זיי עסן. מיר ניט.

דער טאַטע „קוקט" אויף דער מאַמען. די מאַמע פרעגט:

— וואָס עסט איר ניט?

מיר שווייגן ווי שטומע.

— עסט! — גיט אַ זאָג דער טאַטע און באַלד לאָזט ער אַרײַן די האַנט אין באָרד.

מיר שווייגן אַלץ, נאָר אין האַרצן ווערט קיל און לער, ווי אַט גייען מיר אַ שפּרונג טאָן אין אַן אָפּגרונד. מיר קוקן אויפ׳ן טאַטן אַנטקעגן און עפּעס אַ שווערקייט דריקט אַרונטער אונדזערע קעפּ.

— הייבט אויף די קעפּ!

די קעפּ אונדזערע הייבן זיך אויף פון זיך אַליין אונטערן טאַטנס באַפעל.

— עסט!

מיר האַלטן שוין די קעפּ אומנאַטירלאַך אויפגעהויבן, קוקן אין איין פּינטל, און אונדזערע ציטערדיקע הענט רוקן די המוציא׳ס צום מויל.

באַלד פיש. און מיט אַמאָל: דאָס פלייש — אונדזערע טייבעלאַך!

— עסט!

מיר זעען גאָרניט. עפּעס שוואַרצ׳ס זיצט אונדז אַנטקעגן, וואָס פאַרשטעלט פון אונדז די שטוב.

— עסט, זאָג איך!

און פּלוצלונג איז עס מיר אָנגעקומען:

— איך וועל ניט עסן! — האָב איך אויסגעשריען.

— איך וועל ניט עסן! — האָט דער ברודער געוויינט.

מיר זײַנען געוואָרן ווי ווילד. מיר האָבן זיך אויפ־

געהויבן פון אונדזערע ערטער, געקוקט שאַרף אויפ'ן טאַטן: — מיר וועלן ניט עסן!

אין שטוב איז געוואָרן מאָדנע שטיל. די מאַמע איז געזעסן ווי אַ געשמידטע מיט פאַרבראָכענע הענט. דער טאַטע האָט זיך געגלעט די באָרד.

אַוועק פון טיש! אַריין אין קאַמער! — און ער האָט זיך אויפגעהויבן נאָך אונדז.

אָבער דאָ איז די מאַמע אויפגעשפּרונגען.

— וואָס ווילסטו פון די קינדער? ווילסט זיי זאָלן נאָך עסן זייערע טויבן?

עפּעס מאָדנע פּאַמעלאַך האָט זיך דער טאַטע צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און זעצנדיק זיך האָט ער שטרענג און בייז געקוקט אויף אונדז.

מיר זיינען אַריין אין קאַמער. מוציק האָט זיך אַריינגעשאַרט נאָך אונדז.

איך און מיין ברודער האָבן אונדזערס אויסגעפירט: מיר האָבן די טויבן ניט געגעסן.

גלייך, נאָך דעם זעלבן שבת באַטאָג, האָבן מיר זיך אַרויפגעגנב'עט אויפ'ן בוידעם. אין טויבנשלאַק איז געווען שטיל און פּוסט. מיר זיינען געגאַנגען פון נעסט צו נעסט. איבערגעדרייט, איבערגענישטערט: — וויסט! די אייעלאַך זיינען געלעגן קאַלטע, טויטע.

דער ברודער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, ווי זיין שטייגער, מיט טרערן אין די אויגן. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ כעס. איך האָב גענומען ברעכן די קעסטלאַך, צעפליקן און צעוואַרפן די נעסטן. מיין ברודער האָט מיך אָנגעכאַפּט, ניט געוואָלט לאָזן:

— אום שבת! מען טאָר ניט...

איך האָב ניט געקוקט: געוואָרפן און געשליידערט.

און מיט אַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ פּלי און אַ טויב איז אַרויסגעפלויגן פון אַ באַהעלטעניש. ערשט די פּוילערקע!

ווי משוגעים האָבן מיר זי אַ כאַפּ געטאָן, געגלעט, געטוליעט, שיער ניט געקושט, גערעדט צו איר: וואָס? ווי אַזוי?

מיר זיינען ארומגעלאָפן מיט איר איבער'ן בוידעם. געלאָזט זי פליען, צוריק געכאפּט און ווידער געלאָזט פליען...

אַז אונדזער אומעטיקע פרייד איז אַריבער, זיינען מיר ביידע געבליבן שטיין פאַרטראַכטע, שטומע און גע־קוקט אויף דער פוילערקע באַ אונדזערע פיס.

— וואָס טאָן מיט איר?

און דערזעלבער געדאַנק איז באַ מיר און באַ מיין ברודער אויפגעקומען:

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דער פוילערקע אונטער'ן רעקל און זיך געלאָזט לויפן פון בוידעם אַראָפּ.

— צו דעם כמר'ס טויבן, וואָס? — האָט דער ברודער באַ מיין זייט געפרעגט.

— צום כמר'ס...

— זי וועט זיך ניט אומקערן אהיים?

— זי וועט ניט...

— אפשר אַנדערשוואו?

— ניין, דאָרט וועט איר זיין גוט...

— מוציק לויפט אונדז נאָך...

— זאָל ער.

אויפן פליכעוואַטן שטיק פעלד לעבן דעם קלויסטער־פּאַרקאַן זיינען אַרומגעגאַנגען דעם כמר'ס טויבן און גע־פּיקט, געפּיקט... מיר האָבן אַרויסגענומען פון אונטערן רעקל די פוילערקע און איר אריינגעלאָזן צווישן זיי.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען, זיך געפוילט און געכאַפּט עטלאכע פּיקן אין קעפּל ווי אַ פרעמדע. אָבער באַלד האָט זי גענומען אויף איר שטייגער זיך קאַטשקען און פּיקן פון דער ערד ווי די אַנדערע. מיר זיינען געשטאַנען און גע־קוקט, געקוקט... איצט האָבן מיר עפּעם גאָרניט מורא געהאַט טאָמער כאַפּן אונדז דעם כמר'ס פּאַראָבקעס און שלאָגן אונדז און נעמען באַ אונדז אַראָפּ די היטלען, אָדער אימיצער וועט דערציילן אונדזער טאַטן. מיר האָבן זיך

גאָרניט געהיט, געשטאַנען, געשטאַנען און געקוקט אויף די טויבן... אויך מוציק, וואָס וואָלט אַן אַנדערש מאָל זיך אַ לאָז געטאָן אויפ׳ן כמר׳ס טויבן, האָט דערפילט אונדזער געמיט. איז רואיק געשטאַנען באַ אונדזער זייט און ווי מיר געקוקט אויף די טויבן און געקוקט...

אויסגאבן פון זעלבן אויטאָר:*

„פאַרבלאָנדזשעט“ (לעגענדע)—
פאַרלאַג „מתנות“, ביים ש. ע. פּ. א. — 35 סענט

„דערציילונגען פאַר קינדער“ —
פאַרלאַג מאקס נ. מייזעל — 25 סענט

„דאָס גרינע אינגל“ (איינאַקטער) —
ארויסגעגעבן פון בילדונגס־דעפּארטמענט
פון אַרבעטער־רינג — 15 סענט

„פון קאַזאַרמע און מלחמה“ (דערציילונגען) —
פאַרלאַג „צענטער“ — $2.00